NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

פרייז 10 גראשען

10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 245 | Łódź, Poniedziałek, 26 października 1936 | אדרעס: לאדז, פעטריקאווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאדז, מאנטאג פ׳ ויֵרא י׳ מרחשון תרצ״ז | 14-טער יאהרגאנג

דורכפאל פון „מארש אויף בריסעל״

אין דער דעמאנסטראציע האבען אנטיילגענומען א נישטיגע צאהל רעקסיסטען

דער אנפיהרער דעגרעל איז ארעסטירט געווארען

בריסעל, 25 (ספ. טעל.)

די אטמאספער אין דער שטאט איז געווען פון דערפריה אן געשפאנט, הגם ס׳האט געהערשט פול־שטענדיגע רוה. די מאכט האט ארויסגעגעבען א רייה פעראָרדנונגען, וועלכע מאכען אוממעגליך צו ארגאניזירען מאניפעסטאציעס וואס זאלען שטערען די עפענטליכע רוה, אומזיסט געפינען זיך גרויסע פאר־ליציי־פאטראָלען.

11 א זייגער האט דער קעניג אויפגענומען א רע־פּיליארע פון קאמבאטאנטען און מוטירען.

בריסעל, 25 (ספ. טעל.)

דער אנפיהרער פון די רעקסיסטען דעגרעל איז ארעסטירט געווארען. ער איז פערהאלטען געווארען אין מאמענט, ווען ער האט פערלאזען זיין הויז, כדי צו געהען אויפ׳ן מיטינג, וועלכער איז ווי בעקאנט פערבאטען געווארען דורך דער מאכט.

בריסעל, 25 (ספ. טעל.)

לויט די לעצטע ידיעות, האט דער אנפיהרער פון די רעקסיסטען דעגרעל געוואלט האלטען א רעדע פון א באלקאן, אבער ער איז ארעסטירט געווארען אין מאמענט ווען ער איז ארויס פון חדם הויז.

באלד דערויף האבען זיך די רעקסיסטען אנגע־געהויבען צוזאמענצוקומען, די פאליציי האט זיי אבער פערטריבען.

קליינע גרופען רעקסיסטען האבען זיך געפרובט ארויסצוקומען אויפ׳ן בערזען־פּלאץ, היטלער זיי זענען בעגאנגען גרופען פון קאנטער־מאניפעסטאנטען — סאציאליסטען און קאמוניסטען, צו קיין צוזאמענ־שטויס איז נישט געקומען, טראָץ די פּאראויסזא־גונגען פון דעגרעל איז די צאהל רעקסיסטען געווען א נישטיגע.

בריסעל, 25 (ספ. טעל.)

די 200 טויזענדיגער „מארש אויף בריסעל״ וועלכער האט היינט געזאלט ארגאניזירט ווערען דורך די רעקסיסטען איז דערוצירט געוואָרען צו פרו־בען צו שטערען די רוה.

די דאזיגע אימפרעזע האט געליטען א אינדלי־כען דורכפאל.

אין אווענד איז געווען א קאמוניקאט פון די רעק־סיסטען, וועלכע פראטעסטירען קעגען דעם ארעסט פון דעגרעל.

בריסעל, 25 (ספ. טעל.)

נעכטען איז אין בריסעלער פאלקס־הויז געעפענט געווארען דער קאנגרעס פון דער סאציאליסטישער פארטיי, אין אויפרוף, וועלכע איז ארויסגעגעבען געווארען אין צוזאמענהאנג מיט׳ן קאנגרעס ווערט געזאגט, אז דער קאנגרעס האלט אפ זיינע בעראטונ־גען „אונטער דעם צייכען־פאריזיג פון שפאנישען פאלק״.

לאנדאן, 25 (ספ. טעל.)

בעת א פערזאמלונג פון ענגלישע פאשיסטען אין פרעגההעם, איז נאך א רעדע פון אסוואלד מאסלע געקומען צו צוזאמענשטויסען. די פאליציי האט ארעס־טירט 2 אנטי־פאשיסטען.

—*※*—

ענדעקישע סטודענטן ארויסגעהאקט שויבן

אין דער וואוינונג פון פראפ. בארטעל

נישט געלונגענער פרוב איבערצוחזר׳ן די אונרוהען אין לעמבערג

לעמבערג, 25 (טעלעפאניש)

היינט האבען ענדעקישע סטודענטן אויסגע־האקט די שויבען אין דער וואוינונג פון פראפ. בארטעל. נעבען דעם בנין פון אוניווערזיטעט האבען זיי פארטיילט אנטי־יודישע אויפרופען. אין די אויפרופען פאלען זיי שטארק אן אויף דעם רעקטאר פראפ. קולטשינסקי, וועלכער האט זיך געשטעלט אין שוץ פון די בעפאלענע יודישע סטו־דענטען און זיי פאדערן ווייטער, אז די יודישע סטו־דענטען זאלען זיצען אויף בעזונדערע בענק.

א דעלעגאציע פון יודישע סטודענטען וועט מאנטאג אינטערווענירען ביים רעקטאר פון פאליטעכ־ניקום. די יודישע אקאדעמיקער האבען היינט אפ־געהאלטען א בעראטונג און בעטראכט די געשא־פענע לאגע. די בעראטונג האט נישט מסכים גע־ווען מיט דער פאדערונג, אז יודישע סטודענטען זאלען זיצען אויף בעזונדערע בענק. ס׳הערט אויך געמאדעלט דער ארויסטריט פון די פראפעסארען, וועלכע זענען כלומרשט למען השלום מסכים צו־צושטעלען פאר די יודישע סטודענטען בעזונדערע ערטער.

פון די פרייטאגדיגע און שבת׳דיגע סטודענטען אונרוהען זענען אויסגע־האקט געווארען איבער 100 שויבען פון יודישע געשעפטען 20 יודען זענען פער־וואונדעט געווארען, דערפון איינער שטערלינג זעהר שווער.

די ענדעקישע סטודענטען האבען געפרובט איבערצוחזרן די אונרוהען. די פאליציי האט אבער אומעטום ענערגיש אינטערווענירט און נישט דער־לאזען צו קיין אונרוהען.

טאג - טעגליך

נישט־אינטערווענץ־אפמאך

אויפגעהערט צו עקזיסטירען

הגם דער סאוויעטישער פארשטעהער אין נישט־אינטערווענץ־קאמיטעט מאיסקי האט נאך נישט געשטעלט קיין קלארען ענטפער וועגען דעם, צי ראטען־פערבאנד לאזט זיך איבער פרייע הענד אין דער שפאנישער אינטערווענץ־פראגע איז אבער שוין קלאר אז די רעגירונג איז איצט ענטשלאסען אויף א רעד־צידירענדען שריט. די רוסישע רעגירונג זעהט איצט פאר איין אויסגאנג פון דער לאגע: צוריקצוקעהרען דער שפאנישער רעגירונג דאס רעכט און מעגליכקייט צו קויפען געוועהר.

די דאזיגע רעציזיע ענדערט די גאנצע בידאיצ־טינע לאגע און ענין פון שפאניען. ביז איצט איז פאר קיינעם נישט געווען קיין סוד, אז דער אפמאך פון נישט־אינטערווענץ איז דורך אזעלכע מלוכות ווי דייטשלאנד, איטאליען און פארטוגאל נישט גע־האלטען געווארען. די דאזיגע מלוכות האבען געשיקט בסדר געוועהר און אמוניציע צו די שפאנישע אויפ־שטענדיגע, אליין איז געגאנגען דורך די פארטוגאלי־שע פארטען. אין דער זעלבער צייט איז נישט גע־ווען קיין איין מלוכה, וועלכע זאל ברעכען דעם אפ־מאך אין דער היכזיכט פון העלפען דער שפאנישער רעגירונג אין איהר קאמף מיט די אויפשטענדיגע. דערויף האט רעאגירט סאוויעט־רוסלאנד, וועלכע האט פערלאנגט, אז דער נישט־אינטערווענץ קאמי־טעט זאל פעסטשטעלען א קאנטראל איבער די פארטו־גאלישע פארטען, כדי מ׳זאל קלאר וויסען ווער עס שיקט געוועהר און אמוניציע צו די אויפשטענדיגע. דער קאמיטעט האט אפילו די דאזיגע פראגע נישט געשטעלט אויף דער טאג־אָרדנונג פון דער לעצטער זיצונג און דעריבער איז געקומען די ערקלערונג פון סאוויעטישען פארשטעהער וועגען פרייע הענד אין דאזיגען ענין.

אויב רוסלאנד זאל איהר בעשלוס אדורכצופיה־רען אין די ערשטע קאנסעקווענץ פון דעם דאזיגען שריט דער ארויסטריט פון נישט־אינטערווענץ־קא־מיטעט און דאס וועט דערפיהרען צו דירעקטע אונ־טערהאנדלונגען מיט דער שפאנישער רעגירונג וועגען צושטעלען געוועהר.

דערויף האט פארטוגאל באלד געענטפערט מיט איבערריסען די בעציהונגען מיט דער שפאנישער רעגירונג און דאס וועט ווארשיינליך אויך טוהן דייטש־לאנד און איטאליען נאכ׳ן בינזהק.

העמאלס וועט זיך ערשט אנהויבען די רעוואלערע מלח... צווישען די אויפשטענדיגע און דער לעגאלער רעגירונג.

י.

אונזער וואָרט

זיי האבען זיך איצט ארומגעזעהן

אין דער צייט פון 6 חדש׳ים׳דיגען שטרייק אין ארץ־ישראל האבען די אראבער ארום זיך גארנישט געזעהן. זיי האבען נישט בעמערקט, ווי דער ישוב קען זיך בעגעהן אהן דער צושטעלונג פון אראבישער פראדוקציע, זיי האבען נישט בעמערקט, ווי די יהדישע פרדסנים האבען אנגעהויבען אויפן ארט פון אראבישע ארבייטען צוצונעהמען יודישע. זיי האבען נישט בעמערקט, ווי ס׳וואקסען אויס שאסעען און וועגען, וועלכע פערבינדען די יהדישע ישובים, כדי אויסצומיידען די אראבישע, זיי האבען נישט בע־מערקט ווי די צענטראלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס ווערען איבערגעטראגען פון יפו קיין תל־אביב.

ערשט איצט, נאכדעם ווי דער שטרייק איז אפ־געהויבען געווארען, ווען די אראבישע פיהרער זענען געווארען אויסגעניכטערט און האבען זיך אנגעהויבען צו מאכען א בילאנס פון דעם שטרייק, האבען זיי ערשט דערזעהן אלץ, וואס מיר האבען אויסגע־רעכענט, זיי האבען דאס געזעהן אין אזא פארם, אז זיי האבען זיך אליין איבערגעשראקען. בעזונדערס האט די אראבער געטראפען דער שנעלער בוי פון תל־אביב׳ער פארט, וועלכע קען האבען שווערע פאל־גען פאר דער אראבישער ווירטשאפט. די אראבער, וועלכע האבען געהאלטען דעם בוי פון א נייעם פארט אין תל־אביב אלס שפילעכל, האבען זיך איצט ארום געזעהן, אז די אונטערנעהמונג איז א זעהר ערנסטע. און אז ביי דער יודישער אנפיהרערשאפט און ביי דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג הערשט דער אונערשיטערליכער ווילען, אז אין תל־אביב זאל ענט־שטעהן א מאדערנער פארט פאר די נויטווענדיגען פון ישוב, כדי צו ווערען אונאפהענגיג פון יפו, וועלכע ליפערט אונז פסדרדיגע איבערראשונגען.

און טאקע ווייל די פראגע פון תל־אביבער פארט האט אזוי שטארק געטראפען די אראבער, איז גע־ווען זייער ערשטער בעשלוס נאכ׳ן שטרייק צו אינ־טערווענירען ביי דער ארץ־ישראל׳דיגער מאכט אפ־צושטעלען דעם בוי פון פארט. אזא אינטערווענץ האט דער אראבישער הויפט־ראט טאקע אדורכגע־פיהרט ביים הויך־קאמיסאר וואוקאפ. די דעפעשען מעלדען אונז, אז דער הויך־קאמיסאר האט אויף דער אינטערווענץ געענטפערט, אז די ערלויבניש, וועלכע איז איינמאל ארויסגעגעבען געווארען קען שוין מעהר נישט צוריקגעצויגען ווערען, און אז דער פארט אין תל־אביב איז שוין א פאקט. די אראבער וועלען אבער זיך נישט בערוהיגען און פרובען ווייטער פיה־רען די אקציע פאר אפשטעלען דעם בוי פון אראבישען פארט, דאס וועט אבער שוין נישט העלפען, צו דעם האט דער אראבישער הויפט־ראט אליין גע־שטויסען.

ד.

ענדעקישע סטודענטן זיך נישט איינגעגעבן איינצואָרדנען

א גאסן־דעמאנסטראציע אין ווארשא

ווארשא, 25 (טעלעפאניש)

אין ווארשעווער אוניווערזיטעט האט היינט געזאלט פארקומען א מיטינג פון דער „בראטניא פאמאץ״. צוליב דעם אבער, וואס דער אוניווערזיטעט איז געווען געשלאסען, איז דער מיטינג דארט נישט אפגעהאלטען געווארען. ער איז אבער פאר־געקומען אין צירק אויף ארדינאצקא גאס. דער מיטינג האט געזאלט פארקומען א.ד.ט. „קאמף מיט׳ן קאמוניזם״, גערעדט האט מען אבער פער־שטעהט זיך, וועגען יודען, וועגען ארויסטרייבען די יודישע סטודענטען פון די אוניווערזיטעטען, וועגען זעצען זיי אויף בעזונדערע ערטער.

נאכ׳ן פערענדיגען דעם מיטינג האבען די ענ־דעקעס געפרובט איינצוארדענען א גאסען־דעמאנ־סטראציע. די פאליציי האט אבער דערצו נישט דערלאזט.

פייערונג לכבוד איגנאצי דאשינסקי

מ׳דארף נישט דערלאזען צו פערגיסען אומשולדיג יודיש בלוט, זאגט פראפ. שימקעוויטש

ווארשא, 25 (טעלעפאניש)

אין גאנצען לאנד האט די פ.פ.ס.׳שע ארגא־ניזאציע היינט איינגעארדענט פייערונגען לטובת דעם 70־יעהריגען געבורטס־טאג פון פ.פ.ס.׳שען פיהרער איגנאצי דאשינסקי. אויף איינער פון די דאזיגע פייערונגען האט געהאלטען א רעדע פראפ. שימקעוויטש, וועלכער האט צוו. אנד. געזאגט: „אין איצטיגען מאמענט דארף דער פוילישער אר־בייטער־קלאס זיך צו מאביליזירען, כדי נישט צו דערלאזען, אז ס׳זאל פערגאסען ווערען אומשולדיג יודיש בלוט. אזוי ווי דער פוילישער ארבייטער האט דאס אמאל געטון.

א שטרייק אין ווארשאווער קהלה

צוליב׳ן אננעהמען דעם פרנס שטיקגאלד אלס בעאמטען

ווארשא, 25 (טעלעפאניש)

אין דער ווארשעווער קהלה איז היינט פלוצלונג אויסגעבראכען א שטרייק פון אלע קהלה־בעאמטע אין צוזאמענהאנג מיט׳ן אננעהמען אלס בעאמטען דעם דאזאר שטיקגאלד.

היינט 10 א זייגער איז אין דער קהלה געקומען שטיקגאלד, וועלכער האט אפגעהאלטען א בערא־טונג מיט׳ן פרעזעס מאזור. באלד איז מאזור מיט איהם אוועק אין דער האנדווערקער־שול און איהם איבערגעגעבען דעם אמט אלס דירעקטאר. ווען די בעאמטע האבען זיך דערפון דערוואוסט, האבען זיי איינגעארדענט א מאסובקע און בעשלאסען באלד אנצוהויבען א פערמאנענטען שטרייק, ביז שטיק־גאלד וועט נישט פערלאזען זיין אמט. פרעזעס מאזור האט דאן געמאלדען, אז פאר דער צייט פון שטרייק וועט נישט בעצאהלט ווערען. גלייכצייטיג איז א דעלעגאציע פון די שטרייקענדע ארויסגערופען גע־ווארען אין רעגירונגס־קאמיסאריאט, וואו זי איז אויפגעפאדערט געווארען, אז די שטרייקענדע זא־לען צוטרעטען צו דער ארבייט. דער שטרייק דויערט דערווייל. די דעלעגאציע דארף מאנטאג געבען אנ־ענטפער אין רעגירונגס־קאמיסאריאט.

דראַקאָנישע פֿעראָרדנונג פֿון „געסטאַפּאָ"
אָפּגעשטעלט דאָס יודישע עפֿענטליכע לעבען אין דײַטשלאַנד

בערלין, 25 (יט"א טעל.)
די „געסטאַפּאָ" האָט אַרויסגעגעבן אַ פֿער־באָט אָפּצוהאַלטען װעלכע ס'איז יודישע פֿערזאַמ־לונגען, בתוכם אויך די ציוניסטישע.

אַזוי אַרום האָט די „געסטאַפּאָ" אָפּגעשטעלט דאָס גאַנצע יודישע עפֿענטליכע לעבען אין דײַטש־לאַנד.

די „געסטאַפּאָ" האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ פֿערבאָט פֿאַר יודען צו קומען פֿערזענליך אינטער־װעניר̈ען אין די „געסטאַפּאָ" - אָפּטײלונגען. יודישע אינטערװענציען קענען נאָר אַדורכגעפֿיהרט װער̈ען שריפֿטליך.

צי איז דאָס אַר"ץ אמת?
װאָס דערצעהלט מען װעגען דעם פּאַרטײ־פּראָגראַם פֿון פֿולק. קאַ"ץ

װאַרשאַ, 25 (טעלעפֿאָניש)
אין נעכטיגען נומער פֿון „דזשעננניק פּאָפּו־לאַרני" איז װידער אַרומגערעדט אַ רײה פּלאַטקעס װעגען דער פּאַרטײ, װעלכע פֿולק. קאָץ האַלט אין שאַפֿען. היות, װי ס'איז נאָך נישט געװיס בעקאַנט דער פּראָגראַם פֿון דער דאָזיגער פּאַרטײ און אַלץ װערט נאָך געהאַלטען בסוד, גיט דער „דזשעננניק" איבער פֿערשידענע פּרטים װעגען דעם דאָזיגען פּראָגראַם. װי די דערמאָהנטע צײַטונג גיט איבער, װעלען ,לויט'ן פּראָגראַם פֿון דער נײַער פּאַרטײ, האָבען בירגער־רעכט אין פּוילען נאָר פּאָלאַקען און די סלאַװישע מינדערהײטען. יודען װעלען פֿונאַנ־דערגעטײלט װער̈ען אין צװײ קאַטעגאָריעס. די ערשטע קאַטעגאָריע, װעלכע װעט האָבען רעכט װעלען זײַן די, װעלכע האָבען פֿערדינסטען פֿאַר דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקײט, די צװײטע קאַ־טעגאָריע װעלען זײַן די, װעלכע האָבען געברענגט נוצען דעם פּוילישען פֿאָלק װי: מאָלער, דיכטער, אינטעלעקטואַליסטען און שרײַבער. די איבריגע יודען װעלען נישט האָבען קײן פּאָליטישע און נישט קײן װירטשאַפֿטליכע רעכט. דער קלײנהאַנדעל װעט אײַנגעאַנצען אָפּגעשאַפֿען װער̈ען און די דאָזיגע ראָל װעלען איבערנעהמען מלוכה'שע קאָאָפּעראַטיװען.

לויט'ן „דזשעננניק פּאָפּולאַרני" װעט דער סיים האָבען נאָך װעניגער רעכט װי ביז איצט. ער װעט נאָר האָבען דאָס רעכט אין געזעלשאַפֿטליך־װירט־שאַפֿטליכע פֿראַגען, ,דאַגעגען װעט אין פּאָליטישע פֿראַגען דעצידירען אַ קערפּערשאַפֿט, װעלכע װעט טראָגען דעם נאָמען „מוזג נאַראָדו". װײַטער דער־צעהלט די דערמאָהנטע צײַטונג, אַז לויט'ן פּראָגראַם פֿון דער נײַער פּאַרטײ, דאַרפֿען די באַנק פֿער־מלוכה'שט װער̈ען, די קאַרטעלען דאַרפֿען אױפֿגע־לעזט װער̈ען און די אינדוסטרי דאַרף קאָנצענטרירט װער̈ען.

דער פּאַרטײ־פּראָגראַם פֿון פּולק. קאָץ זאָל פֿערעפֿענטליכט װער̈ען דעם 11 נאָװעמבער.

געגען די עװאַקואַציע־פּלענער
שאַרפֿער אַרויסטריט אויף אַ קאָנפֿערענץ פֿון נאַצ. פֿאָנד

לאָנדאָן, 25 (יט"א טעל.)
דאָ האָט זיך געעפֿענט די קאָנפֿערענץ פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד אין ענגלאַנד. דער פּאָרזיצער פֿון דער קאָנפֿערענץ דײװיס האָט געשילדערט די ביז־איצטיגע טעטיגקײט פֿון נאַציאָנאַל־פֿאָנד און דעם װאַקסענדען ישוב צוליב דער הילף פֿון קרן־קימת.

דער רעדנער איז שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען די פֿערשידענע עװאַקואַציע־פּלענער און געגען דעם פּרוב אויסצולעדיגען פֿערשידענע לענדער פֿון יודען דער ארץ־ישראל געדאַנק קען פֿערװירקליכט װער̈ען נאָר דורך אַ פֿרײַװיליגער אײַנװאַנדערונג אין לאַנד.

דער בודזשעט פֿאַר'ן נאַציאָנאַל־פֿאָנד אין ענג־לאַנד אויפֿ'ן קומענדיגען יאָהר איז פּרעלימינירט געװאָרען אויף 75 טויזענד פֿונט.

אָפֿיציעלע ערקלערונג װעגען מאַקס עריק

מאָסקװאַ, 25 (יט"א טעלעגראַפֿיש)
פֿון מאָסקװע װערט אָפֿיציעל מיטגעטײלט, אַז די ידיעה װעגען דעם, אַז אין קיעװ האָט געזאָלט דער־שאָסען װער̈ען דער בעקאַנטער יודישער ליטעראַט מאַקס עריק, איז דורכאויס פֿאַלש.

טעטיגקײט פֿון „דזשאָינט"

ניו־יאָרק, 25 (יט"א טעל.)
די אָנפֿיהרערשאַפֿט פֿון „דזשאָינט" האָט פֿער־עפֿענטליכט אַ בעריכט, אַז אין פֿערלויף פֿון לעצ־טען יאָהר איז געזאַמעלט געװאָרען פֿאַר „דזשאָינט" 2,375,000 דאָלאַר.

1-טע רעטשניצע
מיט שטענדיגע בעטען
פֿאַר כירורגיע פֿון צײַן, קיהן־באַקען און יאַסלעס
פֿון Dr. med.
Sadokierski
פּיעטריקאָװער 56, טעל. 129-77
עמפּפֿאַנגס־שעה'ן פֿון 9 פֿריה ביז 12 בײַטאָג.

קאַפּעלוש־מאַכער־צעך אין לאָדז
מאָרגען, מאָנטאָג, דעם 26־טען ד. ח 8 אָװענט
קומט פֿאָר אויף גדאַנסקאַ 40
אַ בעריכטס־פֿערזאַמלונג
מיט זעהר אַ דרינגענדע און װיכטיגע טאָג־אָרדנונג.
אַלע מיטגלידער, רעגיסטרירטע און נישט־רעגיסטרירטע, װער̈ען אויפֿגעפֿאָדערט אונבעדינגט צו קומען.
דער סטאַרשי פֿון
קאַפּעלוש־מאַכער־צעך אין לאָדז

Dr.
Wajnberg
ספּעציאַליסט פֿאַר לונגען, האַרץ און סקלעראָז קראַנקהײטען
פּיעטריקאָװער 145
טעל. 126-02
נעמט אָן פֿון 9-10 פֿריה, 8-5 8-9 אָװ.

פֿערשפּרײט דעם נײַעם פֿאָלקסבלאַט

Dr. med.
GUSTAW KOHN
געװעזענער אַסיסטענט פֿון דעם גינעקאָלאָגי־שען קליניק אין פּאַריז.
ספּעצ. פֿאַר פֿרויען - קראַנקהײטען און שװאַנגערשאַפֿט).
ספּעצ. פֿון הײלען אומפֿרוכטבאַרקײט
נעהמט אָן אין לאָדז
פּילסודסקיעגאָ 51, טעל. 170-03
נעהמט אָן פֿון 8-10 און פֿון 4-8 אָװענט

Dr. med.
M. TAUBENHAUS
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַליסט
פֿאַר אַקושעריע און פֿרויען קראַנקהײטען
פֿערהיטונג געגען שװאַנגערשאַפֿט
זגיערסקאַ 11, טעלעפֿאָן 246-09
נעמט אָן פֿון 8-9 פֿריה און פֿון 4-8 אָװ.

װיכטיג פֿאַר פֿאַבריקאַנטען!
און האַנדװערקער
שװײסונגען,
מאַשינען־טײלען
און רעפּעראַטורען
פֿיהרט אויס ביליג
די מעכאַנישע שלאָסערײ
י. רעדער
11 ליפּאָװאַ 11/13
(רוג זשכאָדניאַ)

Dr. med. LEON FAMILIER
אינערליכע און קינדער - קראַנקהײטען
שערפּיעז 37 בענעדיקטאַ .6
נעהמט אָן פֿון 5-7 נאָכמ.

Rutynowany nauczyciel
naucza w ciągu 3-ch miesięcy specjalną skróconą metodę mówić i pisać po polsku dorosłych M. BRZEZINSKI Aleja 1-go [illegible] 77 od 2–5 p.p.

געדענקט, ביי
שטשעשליװי
אַ גרויסער אויסװאַהל פֿון
אַריגינעלע בילי̈צער און
טאַמאַשאָװער סחורות
אויף אַנציגער און פּאַלטענס
פֿון די בעסטע קװאַליטעטען
אויף פֿערשידענע רעשטען
סומם אין איבערצײַגט אײַך
R. Szczęśliwy
לאָדז, 5 נאָװאָמיעסקאַ 5
טעל. 156-09.
גערענקט פֿראַנט II שטאָק.

דעם טיפֿסטען בײלײד דריקען מיר אויס אונזער ליבען חבר צוליב'ן טויט פֿון זײַן ליבער פֿרוי
שײנע רבקה פֿאָגעל
זײַט געטרײסט!
אַבּרהם װײמאַן
און פֿאַמיליע.

צוליב'ן טויט פֿון זײַער פֿאָטער רעם אונפֿערגעסליכען פֿרעזעס פֿון „נושאי המטה" אין לאָדז
נ"ע יוסף כזשאַנאָװיטש
דריק איך אויס דעם טיפֿסטען מיט־געפֿיהל דער פֿאַמיליע כזשאַנאָ־װיטש, װי אויך דער פֿאַמיליע האַקם (מיטאינהאַבער פֿון דער פֿירמע „פֿראַנק און האַקס")
זײַט געטרײסט!
לײב פֿריים.

רעטשניצע
פֿון דאָקטוירים־ספּעציאַליסטען
11 בזשעזשינער 11
טעל. 137-63
עס נעהמען אָן פֿאָלגענדע דאָקטוירים:
ד"ר קױפֿמאַן, ד"ר דינענזאָן, ד"ר רויטער, ד"ר שפּירא, ד"ר נאַדעל, ד"ר י. איציקזאָן, ד"ר סטופּאַי. ד"ר ספּירא, ד"ר שמיר־געלד נערװען־קראַנקהײטען און דענטיסטין סטאַראָפּאָלסקאַ.
װיזיטען אין שטאָט. אַלע אַרט מעדיצינישע הילף. קאַבינעט פֿאַר פֿיזיקאַלישער טע־ראַפּיע און רענטגען.
אַלע אַרט אימפּפֿונגען (געגען דיפֿטעריט און אַנדערע).

ד"ר העללער
ספּעצ. פֿאַר הויט און װענערישע קראַנקהײטען און מענער - שװעכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעהמט אָן פֿון 8-11 און פֿון 4-8 אָװענט
זונטאָג פֿון 10-2 מיטאָג.
צוריקגעקעהרט
פֿאַר פֿרויען - אַ ספּעציעלער װאַרטע־זאַל
פֿאַר אונבעמיטעלטע רעטשניצע־פּרײַזען

Dr. B. Hurwicz
Choroby skórne i weneryczne
Piotrkowska 10
נעמט אָן פֿון 8-11 און פֿון 5-9 אָװ
זונטאָג און יום־טוב - פֿון 8-1 בײַטאָג

Dr. med.
P. Braun
צוריקגעקעהרט
ספּעצ. פֿאַר טריפּער, סיפֿיליס און הויט - קראַנקהײטען. בעהאַנדלונג פֿון מענער־שװעכע
צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 100-57
נעמט אָן פֿון 8-2 מיטאָג און פֿון 4-9 אָװ.
ספּעציעלער װאַרטע־זאַל פֿאַר פֿרויען.
פֿאַר אַ ונבעמיטעלטע—רעטשניצע־פּרײַזען.

Dr. med
J. Nadel
ספּעציאַליסט פֿון אַקושעריע און פֿרויען־קראַנקהײטען
אַנדזשעיאַ 4, טעל. 228-92
נעמט אָן פֿון 10-12 און פֿון 5-7 אָװ.
דער רעטשניצע בזשעזשינער 11
אין פֿון 12 ביז 1 בײַטאָג.

Dr. med.
M. GLAZER
ספּעציאַליסט פֿאַר הויט־ און װענערישע קראַנקהײטען
צוריקגעקעהרט
ZACHODNIA 64, tel. 185-49
נעהמט אָן פֿון 12-2 מיטאָג און פֿון 7 ביז 8.30 אָװענד.
זונטאָג און חגאות פֿון 10-12 בײַטאָג.

אַ האַרציגען מזל־טוב װינשען מיר
ה' שאול בערנהײם און פֿרוי רוזא
צו דער חתונה פֿון זײער ליבען זוהן
מיכאל
מיט פֿרל. מאַריאַ פּאַרמאַ
גלײַכצײַטיג דאַנקען מיר אין נאָמען פֿון די זקנים און זקנות פֿאַר דעם רײַכען שבת'דיגען מאָהלצײַט און פֿאַר די שפּענדען לטובת דעם מחסה לזקנים.
די פֿערװאַלטונג פֿון דער חברה
„מחסה לזקנים".

PrywatnePogotowie
„SZYBKA POMOC LEKARSKA"
tel. 15-111
BAŁUCKI RYNEK
(Zgierska 56)
Czynne przez całą dobę bez przerwy.

די ביליגסטע קװעלע פֿון אַלעראַרט
נײַ־מאַשינען,
טײלען, נאָדלען אז"װ איז בײַ
Skład maszyn do szycia
Singer i Lachman
Łódź, Zydowska 2,
telefon 246-73.

Dr. med.
E. WAJNBERGOWA
אויגען־קראַנקהײטען
Dr. med.
M. WAJNBERG
נערװען־קראַנקהײטען
האָבען זיך איבערגעצויגען אויף
LEGJONóW 3 (Zielona)
tel. 172-20.

DR.
S. Kantor
ספּעצ. פֿאַר הויט און װענערישע קראַנקהײטען (מענער־שװאַכע)
90 פּיעטריקאָװער 90
טעל. 129-45
נעמט אָן פֿון 8-2 נאָכמ. און פֿון 6-9 אָװ

Dr. med. Niewiaźski
ספּעציאַליסט פֿאַר טריפּער. סיפֿיליס און הויט - קראַנקהײטען. בעהאַנדלונג פֿון מענער - שװעכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
פֿראָנט, 1טער שטאָק
נעהמט אָן פֿון 8-11 און פֿון 5-9 אָװענט
זונטאָג און יום טוב פֿון 9-1 נאָכמיטאָג.
ספּעציעלער װאַרטע - זאַל פֿאַר פֿרויען

אויערען, נאָז און האַלז און לונגען־קליניק
מיט בעטען פֿון Dr.
Z. RAKOWSKI
פּיעטריקאָװער 67, טעל. 127-81
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוועקס אָפּעראַציע א. אַ. װ. װי אויך אַמבולאַטאָ־רישעס פֿון 9-2 און פֿון 4-8 אָװענד
בײַ דער קליניק איז טעטיג
אַ רענטגען־קאַבינעט
פֿאַר דורכלײַכטונגען און אַלערלײ פֿאָטאָגראַפֿיעס

רעטשניצע
פֿאַר װענעריש קראַנקע
פֿון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
לאָדז, זאַװאַדזקאַ 1
טעל. 122-72
טעטיג פֿון 8 פֿריה ביז 9 אָװענד.
װענעריש־קראַנקע, מענערשװעכע און הויט־קראַנקהײטען
אַנאַליזען פֿון בלוט און אורין
די פֿערהיטונגס־סטאַציע
איז טעטיג אַ גאַנצען מעת לעת
פֿאַר פֿרויען אַ ספּעציעלער װאַרטע־זאַל
אַ בעראַטונג 3 זל.

רעטשניצע
פֿאַר װענעריש־קראַנקע
מענער - שװעכע און הויט־קראַנקהײטען
פֿון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
פּיעטריקאָװער 45
טעטיג פֿון 9 פֿריה ביז 9 אָװענד.
פֿרויען און קינדער נעמט אָן אַ פֿרוי־דאָקטאָר פֿון 11-1 און פֿון 5-7 אָװענד.
אַ בעראַטונג 3 זל.

100 עראָפּלאַנען איבער מאַדריד

רעגירונגס-מיליטער צוריק פאַרנומען די פאַרשטעט פון אָוויעדאָ

לאַ-קאָרוניאַ, 25 (ספּ. טעל.)

דער ראַדיאָ-קאָמוניקאַט פון די אויפשטענדיגע פון 24 ד.ח. 8 אין אָוונט מעלדעט: 50 עראָפּלאַנען זענען אַריבערגעפלויגען איבער מאַדריד, אַראָפּוואַרפענדיג אויפרופען צו דער באַפעלקערונג, אויפפאָדערענדיג זיי צו קאַפּיטולאַציע.

באַכמיטאָג זענען איבער מאַדריד געפלויגען איבער 100 עראָפּלאַנען, וועלכע האָבען ווידער געוואָרפען אויפרופען.

פּאַריז, 25 (ספּ. טעל.)

פון מאַרסעל איז אָפּגעשוואָומען אַ שיף קיין וואַלענציאַ. אויף וועלכער ס'האָבען זיך געפינען 500 פרייוויליגע פון פערשידענע נאַציאָנאַליטעטען.

לאַ-קאָרוניאַ, 25 (ספּ. טעל.)

לויט'ן קאָמוניקאַט פון די אויפשטענדיגע האָבען זיי פאַרנומען די ערטער: סאָסענאַ, עסקוויוואַס, און קאַראַקאַס, וועלכע זענען וויכטיגע סטראַטעגישע פּונקטען, וואָס שיצען דעם צוטריט צו מאַדריד.

מאַדריד, 25 (ספּ. טעל.)

לויט אַן אָפיציעלען רעגירונגס-קאָמוניקאַט, הערשט אויף אַלע פראָנטען פערהעלטנישמעסיג רוה. אויפ'ן דרום-פראָנט האָט זיך די רעגירונגס-קאַוואַלעריע גערוקט 3 קילאָמעטער פאָראויס, אין דער ריכטונג פון ווילאַ-בלאַנקאַ. נעבען אָוויעדאָ האָט דאָס רעגירונגס-מיליטער געמאַכט גרויסע פאָרטשריטען פאַרנעהמענדיג די פאַרשטעט פון אָוויעדאָ, קוערטאַ, סאַן לאַזאַראָ, און מאַטענערי.

מאַדריד, 25 (ספּ. טעל.)

נעבען מאַדריד קומען פאָר גרויסע קאַמפען. די פּאָזיציעס פון ביידע צדדים האָבען זיך אָבער נישט געענדערט.

פּאָרטוגאַל'ס ענטפער דעם נישט-אינטערווענץ-קאָמיטעט

לאָנדאָן, 25 (ספּ. טעל.)

די פּאָרטוגאַלישע רעגירונג האָט צוגעשיקט קיין לאָנדאָן אַן ענטפער אויף די פאָרוואורפען, אַז פּאָרטוגאַל פערגוואַלדיגט די פּרינציפּען פון נישט-אינטערווענץ. די פּאָרטוגאַלישע רעגירונג וואַרפט אָפּ אַלע פאָרוואורפען און מאַכט פאַראַנטוואָרטליך סאָוויעט-רוסלאַנד פאַר'ן אויסברוך פון די געשעהענישען אין שפּאַניען. ווייל די קאָמאַינטערן האָט דאָ געפיהרט זיין אַקציע דורך דעם אַמבאַסאַדאָר ראָזענבערג און זיינע מיטהעלפער.

די יודישע אויטאָנאָמע געגענד צו הילף די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער

מאָסקווע (יט"א) אין ביראָ-בידזשאַן און אין אַלע אַנדערע פּונקטען פון דער יודישער אויטאָנאָמער געגענד זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען מאַסען-מיטינגען, אויף וועלכע עס זענען אָנגענומען געוואָרען רעזאָלוציעס מיט סימפּאַטיע אויסדרוק פאַר די פרייהייטס-קעמפער אין שפּאַניען און עס איז אויסגעדריקט געוואָרען אַ דאַנק דער ראַטען-רעגירונג פאַר איהר שטעלונג אין דער פראַגע פון נישט-אַריינמישען זיך אין די שפּאַנישע ענינים, וואָס עס ווערט כסדר געשטערט דורך דייטשלאַנד, איטאַליען און פּאָרטוגאַל.

אויף דעם מיטינג אין דער שטאָט ביראָ-בידזשאַן איז געזאַמעלט געוואָרען 2 טויזענד רובל אויף שפּייז און קליידער פאַר די פרויען און קינדער פון די רעפּובליקאַנער קעמפער.

אָפיציעלער קאָמוניקאַט וועגען די איטאַליעניש-דייטשע געשפּרעכען

רוים, 25 (ספּ. טעל.)

די „סטעפאַני"-אַגענטור מעלדעט: אין השגל-טאַט פון די פּאָליטישע געשפּרעכען, וועלכע דער אויסערן-מיניסטער טשאַנאָ האָט געפיהרט אין דייטשלאַנד איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אַן אָפיציעלער קאָמוניקאַט: בעת דעם וויזיט, וועלכען גראַף טשאַנאָ האָט אָפּגעגעבען דעם קאַנצלער היטלער און אין די געשפּרעכען, וועלכע ער האָט געפיהרט מיט די ליטער פון דער דייטשער פּאָליטיק, זענען באַטראַכט געוואָרען פּאָליטישע, ווירטשאַפטליכע און גייסטיג-שאַפליכע פראַגען, וועלכע אינטערעסירען דירעקט ביידע לענדער. ס'איז יש-פּגריכט געוואָרען אַ הסכם אין אַלע פראַגען, ביידע רעגירונגען האָבען באַשלאָסען צו בלייבען אין קאָנטאַקט, כדי צו רעאַליזירען די אויפגאַבען פון אַלגעמיינעם שלום און אויפבוי.

ווער איז אַרעסטירט געוואָרען אין רוסלאַנד?

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן זינאָוויעוו-פּראָצעס

פּאַריז, 25 (ספּ. טעל.)

דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פון „פּטי פּאַריזיען" גיט איבער אַ רשימה פון אַרעסטירטע אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן זינאָוויעוו-פּראָצעס. אין דער רשימה פיגורירען: סאָקאָלניקאָוו, לינלאַנאָוו, סערעבריאַקאָוו, אַרקוס, מיליטער-פיהרער פּוטנאַ, ראַדעק, פּיאַטאַקאָוו און ראַיעווסקי.

ערמאָרדעט אַ כינעזישען גענעראַל

שאַנכאַי, 25 (ספּ. טעל.)

דער גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ האָפּעי גען. יאַן-יונג-טאַר איז היינט ערמאָרדעט געוואָרען אין האַנקאָו.

פראַנצויזישע ראַדיקאַלען שטיצען די רעגירונג פון פאָלקס-פראָנט

פערענדיגט דער קאָנגרעס פון דער פראַנצויזישער ראַדיקאַלער פּאַרטיי

פּאַריז, 25 (ספּ. טעל.)

היינט איז געשלאָסען געוואָרען דער קאָנגרעס פון דער פראַנצויזישער ראַדיקאַלער פּאַרטיי. אין דער פערעפענטליכער דעקלאַראַציע ווערט געזאָגט, אַז די פּאַרטיי איז מסכים מיט דער צוזאַמענאַרבייט מיט דער רעגירונג פון פאָלקס-פראָנט און שטיצט פולשטענדיג די געזעצען פון אַ סאָציאַלען כאַראַקטער. שטרייקען זענען אָנערקענט דורכ'ן געזעץ, עס קענען אָבער נישט טאָלערירט ווערען קיין אָקופּאַציעס-שטרייקס. די ראַדיקאַלען ווילען אונטערשטיצען דאָס ווירטשאַפטליכע אויפבויאונג, וועלכע עס איז אָנגעהויבען געוואָרען דורך דער רעגירונג.

די דעקלאַראַציע זאָגט זיך אַרויס קעגען אינערליכען און אויסערליכען קריג.

די דעקלאַראַציע דריקט אויס בעדויערן צוליב דער שרעקליכער שפּאַנישער טראַגעדיע, לויבענדיג גלייכצייטיג די איניציאַטיוו פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, וועלכע זענען אַריינגעטרעטען מיט'ן פּאַקט-שלאָס וועגען דער נישט-אינטערווענץ-אָפּמאַך.

פראַנצויז טראַכט נישט וועגען קיין אַגרעסיוו-מלחמה. אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק האָבען געליטען ביידע סיסטעמען, סיי דער סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערהייט, סיי דער סיסטעם פון בשותפדיגע אָפּמאַכען. דער סיסטעם פון קאָלעקטיווער זיכערהייט האָט געליטען בעת'ן דורכפאַל פון די סאַנקציעס, בעת דער אַביסינישער מלחמה, דער סיסטעם פון בשותפדיגע אָפּמאַכען צוליב די דייטשע באַוואָפנונגען און מיליטאַריזאַציע פון אויבער-רייהן.

מיר שטרעבען, האָט בלום געזאָגט צו ערלעדיגען פרידליך די אייראָפּעאישע פּראָבלעמען און האַנאָרירען אַלע התחייבות'ן.

פרעמיער בלום וועגען דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק

טולוז, 25 (ספּ. טעל.)

אויף אַ פערזאַמלונג פון דער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע האָט דער פּרעמיער בלום געהאַלטען אַ רעדע, אין וועלכען ער האָט געזאָגט, אַז קיין שום

4 שלוחים פון די אַראַבישע מלכים

קומען צוזאַמען מיט דער קעניגליכער קאָמיסיע קיין ארץ-ישראל

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראַפיש)

די אַראַבישע צייטונג „אַד'ם אַע" מעלדעט, אַז אין דער צייט, וואָס די קעניגליכע קאָמיסיע וועט ווילען אין לאַנד, וועלען אויך קומען די שלוחים פון די 4 אַראַבישע מלכים, וועלכע וועלען נאָכפאָלגען די אַרבייט פון דער קאָמיסיע און פּרובען ווייטער צו פערמיטלען.

ירושלים, 25 (יט"א טעל.)

אַ דעלעגאַציע פון אַראַבישע בעאַמטע אין יפו איז פאָרט האָט אינטערוועניערט ביים דירעקטאָר פון פּאָרט, אַז ער זאָל צוריק צונעהמען צו דער אַרבייט די אַראַבישע בעאַמטע, וועלכע זענען באַזייטיגט געוואָרען בעת די אומרוהען. דער דירעקטאָר האָט געענטפערט, אַז ס'איז נישט פאַרהאַן קיין אויסזיכט, אַז ס'זאָל זיין אַרבייט פאַר אַלע בעאַמטע.

ירושלים, 25 (יט"א טעלעגראַפיש)

די בריטישע מיליטער-אָפּטיילונגען, וועלכע זענען געקומען ל'קווידירען די אַראַבישע טעראָר-באַנדעס האָבען היינט געהאַט אַ שווערען צוזאַמענשטויס מיט די טעראָריסטען נעבען וואַדי-סאַבאַ. אין ענגלישער זעלנער איז דערהרג'עט געוואָרען און איינער פאַרוואונדעט. די אַראַבישע פערלוסטען זענען נישט באַקאַנט.

אין פערלויף פון היינטיגען זונטאָגדיגען טאָג זענען פערצייכנט געוואָרען איינצעלנע שיסערייען מצד די אַראַבישע טעראָריסטען. די טעראָריסטען האָ

ירושלים, 25 (יט"א טעל.)

דער הויך-קאָמיסאַר האָט איינגעלאַדען צו זיך דעם וויצע-בירגערמייסטער פון תל-אביב ריקח און אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון דער עירה.

אין אָוונט איז דער הויך-קאָמיסאַר אָנגעקומען אויף אַ פאַרשטעלונג פון „הבימה", וועלכע איז איינגעאָרדנעט געוואָרען לכבוד דעם פערשטאָרבענעם בירגערמייסטער מאיר דיזענגאָף. בעין אָפּגעגעבען איינציגע שאָסען אויף פתח תקוה און באר יעקב. אין אַ דאָרף נישט ווייט פון רמלה איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישען אַראַבישע טעראָריסטען און מיליטער. די אַראַבער זענען צוטריבען געוואָרען.

תל-אביב, 25 (יט"א טעל.)

דער בולגאַרישער קעניג באָריס האָט צוגעשיקט אַ באַגריסונג צום ניי-געוועהלטען תל-אביב'ער בירגערמייסטער משה שלוש.

שלוש איז דער בולגאַרישער קאָנסול אין תל-אביב.

טויזענדער יודישע בעקער ערב אַ קאַטאַסטראָפע

צוליב דער פעראָרדנונג וועגען מעכאַניזירען די בעקערייען

וואַרשאַ, 25 (טעלעפאָניש)

היינט איז אין לאָקאַל פון צענטראַלען האַנדווערקער-פאַרבאַנד פאָרגעקומען די צוזאַמענפאָהר פון די יודישע בעקער-צעכען אין גאַנץ פּוילען. דער צוזאַמענפאָהר איז געגרונדעט געוואָרען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אין אַ חודש אַרום דאַרפען אַלע בעקערייען זיין מעכאַניזירט און ס'דאַרפען פערחתמעט ווערען די בעקערייען, וועלכע געפינען זיך אין קעלערען. ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, זענען קוים פינף פּראָצענט פון די יודישע בעקערייען מעכאַניזירט. אַזוי, אַז טויזענדער יודישע בעקער שטעהען ערב אַ קאַטאַסטראָפע.

צום צוזאַמענפאָהר איז געקומען אַ קליינע יאָהר, דעריבער האָבען די דעלעגאַטען געפינען פאַר וואָס ערב דעם צוזאַמענפאָהר האָבען בייזווילליגע מענשען פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס מעכאַניזירען די בעקערייען איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף צוויי יאָהר, דעריבער האָבען די דעלעגאַציע געפינען פאַר איבעריג צו קומען צו דער קאָנפערענץ.

דעם צוזאַמענפאָהר האָט געעפנט דער פאָרזיצער פון צענטראַלען האַנדווערקער-פערבאַנד אין פּוילען, אַדוו. ווייצמאַן, וועלכער האָט אַנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט צו אָרגאַניזירען דאָס יודישע בעקער-פאַך אין איין צענטראַלע.

דעם רעפעראַט וועגען מעכאַניזירען די בעקערייען האָט געהאַלטען אַדוו. זעלמאַן, וועלכער האָט ערקלערט, אַז ס'ווערען נאָך געמאַכט פערשידענע בעמיהונגען אָפּצולעגען די פעראָרדנונג וועגען מעכאַניזירען די בעקערייען, אָבער ס'זענען נישט פאַרהאַן קיין שום אויסזיכטען, אַז די אַקציע זאָל האָבען ערפאָלג. נאָך אַן אַלגעמיינער דיסקוסיע זענען אָנגענומען געוואָרען ענטשפּרעכענדע רעזאָלוציעס.

פון לאָדזשער יודישען בעקער-צעך זענען אויפ'ן צוזאַמענפאָהר אָנוועזענד געווען פינף דעלעגאַטען.

—***—

געשטאָרבען די פרוי פון באַל. פּרוס

וואַרשאַ, 25 (טעלעפאָניש)

היינט איז געשטאָרבען אין וואַרשאַ די אַלמנה נאָך דעם בעריהמטען פּוילישען שרייבער באָלעסלאַוו פּרוס.

Dr. med.
HALTRECHT
ספּעציעל-אַרצט פאַר הויט-, געשלעכטס קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע
האָט זיך איבערגעצויגען פון פּעטריקאָווער 10 אויף
161 פּיעטריקאָווער 161
טעל. 245-21.
פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצאַ-פרייזען

Dr. med. H. LUBICZ
ספּעציאַליסט פאַר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען פון ציגעל-גאַס 7 אויף
69 פּילסודסקיעגאָ 69
(רוג נאַרוטאָוויטשאַ) טעל. 141-32.

Dr. med.
Sadokierski
כירורג פון צייהן און יאַסלעס
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
Piotrkowska 56, tel. 129-77.

Dr. med. Trepman
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט-קראַנקהייטען.
בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע.
זאַוואַדזקאַ 6, טעל. 234-12
נעמט אָן פון 8—11 נאָכמ. און פון 6—8 אָוונט.

אויספלוג קיין ריגע
פּרייז 98 זל. 31/X — 4/XI.
גענעראַל-פאָרטרעטונג „Intourista"
אויספלוגען קיין סאָוויעט-רוסלאַנד
אינדיווידועלע און גרופּען-רייזעס
קיין פּאַלעסטינא
מאַכען וויזעס.
הנחה-באַהן-בילעטען קיין ווילנא און זאַקאָפּאַנע
אָנמעלדונגען נעהמט אָן
„אָר בּ"ס" פּיעטריק. 18
טעל. און אינפאָרמ. 249-40 און 249-33.

Dr. REICHER
אַלודביאַוואַ 28, טעל. 201-93
ספּעציאַליסט
פאַר מענער - שוואַכע - בעהאַנדלונג
סעקסועלע בעראַטונגען פון פּסיכאָ - אַנאַליז
נעמט אָן פון 8—11 און 5—8 אָוונט.

בלוטיגע אַוואַנטורע אויף אַ פראַנטשישקאַנער אין בזשעזשינער

שיכור שיסט אויס 6 מאָל — 1 דערהרגעטער און 2 שווער-פערוואונדעטע

טעכטען 12 ביינאַכט איז אויף דער פראַנטשישקאַנער אין בזשעזשינער געקומען צו אַ טרעסערער שיסעריי. עפּיס אַ שיכורער פּערזאָן איז געגאַנגען אין בעגלייטונג פון זיינע באַקאַנטע. צווישען זיי איז אויסגעבראָכען אַ מלחמה און דער שיכור האָט אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער, אויסשיסענדיג 6 מאָל. אין גאַס איז געוואָרען אַ שרעקליכער מהומה. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די פּאָלגען פון דער שיסעריי איז געווען אַ שרעקליכע. איינער פון דעם שיכור'ס באַקאַנטע, דער 23-יעהריגער טשעסלאַוו סויקאַ פון לעוואַרטקעלמאַ 7 איז דערהרג'עט געוואָרען, 2 אַנדערע דער 44-יעהריגער וולאַדיסלאַוו שאַפּראַנסקי (בזשעזשינער 36) און דער 27-יעהריגער יוזעף חושיוווינסקי (לשוואַקעלמאַ 7) זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען. די פּאָגאָטאָוויע האָט זיי אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל אויף דרעווטאָווסקאַ גאַס.

אויפ'ן אָרט פון דער שיסעריי איז אָנגעקומען די אויספאָרשונגס-מאַכט, וועלכע האָט אָנגעהויבען אַן ענערגישע אויספאָרשונג.

א"י קען לעזען דאס יודישע פראבלעם

אין די לענדער פון מיטעל־אייראפא

אין דעם טעמטיגען ,,קור. פאר." איז פערעפענט־ליכט א גרעסערער ארטיקעל וועגען דעם יודישען און ארץ־ישראל פראבלעם. צווישען אנדערע רעדט די צייטונג ארום פאלגענדעס:

,,א בעזונדערע בעדייטונג נעהמט אן די פראגע צי פאלעסטינע וואלט געקענט אויפנעהמען די גאנצע איבערוואוקס פון דער יודישער בעפעלקערונג און דאס נישט נאר פון פוילען נאר אויך פון אנדערע לענדער, וואס האבען א יודישע נאציאנאלע מינדערהייט. די בריטישע מאנדאט מאכט גיט נישט דערויף קיין קלארע תשובה. אפילו פון פערשידענע אנדייטונגען און האלב אפיציעלע ערקלערונגען, בעת די לעצטע געשעהענישען, קען מען אבער מאכען דעם אויספיהר אז זי פערקוקט זיך פעסימיסטיש אויף דעם ענין. מיט דעם פעסטשטעלען די אויפנאהמס־פעהיגקייט פון לאנד זאל זיך פערנעהמען די קעניגליכע קאמיסיע, וואס דארף אינגיכען קומען קיין פאלעסטינא. די אביעקטיוויטעט פון הויכען אויספארשונגס־אָרגאן פון דער מאנדאטען־מאכט קען נישט אונטערליגען קיין ספק, מען מוז אבער אויך נעהמען אין אכט, אז די פולשטענדיגע עלימינירונג פון דער קאמיסיע פון דער פאליטישער פעראינטערעסירונג פון גרויס־בריטאניען אין דער אראבישער וועלט זעהט אויך אויס צו זיין ווייניג וואהרשיינליך. עס איז שווער דעריבער צו גלויבען, אז די אנקעטע וואס זי וועט אדורכפיהרען זאל זיין פולשטענדיג פריי פון פאליטישע ריקזיכטען און זאל פולשטענדיג אפשפיגלען דעם פאקטישען צושטאנד. ביי דער פעסטשטעלונג פון די אויפנאהם־פעהיגקייט פון פאלעסטינע וואלט מען דאך בעדארפט נעהמען אין אכט נישט נאר דעם וואסערלאזען שטייניגען באדען, וואס איז שוין זייט יאהרהונדערטער נישט בעריהרט געווארען פון קיין מענשליכער האנד נאר אויך די אימפאנירענדע ערהאבענקייט פון דער יודישער קאלאניזאציע און איהר טעמפא ביים בעוואסערן און בעפרוכטפערן די אמאל וויסטע ערד. צי וועט דאס די קעניגליכע קאמיסיע בעוויזען צו טון, נישט ארויסהעלפענדיג דערמיט די מענגערשאפט נישט נאר פון די ארטיגע אראבער נאר אויך פון די שכנישע? צי וועט זי עס וועלען?

האט פעסטשטעלען גענויע ציפערען פון דער אויפנאהם־פעהיגקייט פון פאלעסטינע, אלס א אימיגראציע געביט האט א ערשטקלאסיגע בעדייטונג פאר דער לעזונג פון יודישען עמיגראציע פראבלעם, און קען דעריבער נישט זיין גלייכגילטיג אויך פאר אונז, וואס זענען אינטערעסירט אין איהר ווירקזאמקייט. קיין שום נייער אימיגראציע געביט וועט זיך נישט ערעפענען אפילו א טייל פון דער פאפולאריטעט ביי יודען, וואס עס האט פאלעסטינא און די ארגאניזירונג פון א ברייטערע עמיגראציע אקציע אין יעדען אנדערען לאנד, וועט אהן שום ספק אנטרעפען אויף בעדייטענדע שוועריגקייטען און צאהלרייכע בעווארענישען. דערפון איז דער אויספיהר, אז ביז עס וועט נישט פעסטגעשטעלט ווערען די אויפנאהם־מעגליכקייט פון פאלעסטינע, זענען אלע חקירות אויף דער טעמע צו געפינען אנדערע געביטען פאר דער יודישער אימיגראציע, פריהצייטיג און אפילו שעדליך.

איצט האט פאלעסטינע אויף א שטח פון 27000 קוואדראט־קילאמעטער העכסטענס 1.300,000 איינוואוינער, דערפון 900.000 אראבער און 400.000 יודען. עס מאכט אלזא ארום אויף איין קוואדראט־קילאמעטער אנ׳ערך 50 מאן. ביי א ווייטערדיגער גינסטיגער ענטוויקלונג פון דער יודישער קאלאניזאציע, אהן די ביז־איצטיגע ווייניג בעפרידיגטע בעגרענצונגען און מניעות, וואלט די דאזיגע צאהל ליכט געקענט פערדאפלט און אפילו פערדרייפאכט ווערען, וואס ביי דער אויסערגעוועהנליכער גינסטיגער לאגע אין פאלעסטינע אין האנדעלס־הינזיכט און די נאטירליכע איינגעבוירענע פעהיגקייטען פון די יודען אין דער ריכטונג, מאכט נישט געווען קיין אונמעגליכקייט. דאס וואלט אין רעזולטאט נעגעבען איבער 5 מיליאן איינוואוינער, אדער ווען עס זאל אפילו איינבעהאלטען ווערען די היינטיגע פארמעט מיט אראבער, קרוב 3 מיליאן יודען.

דערצו קומט נאך א אומשטאנד. נעמליך — דער צווייטער היסטארישער און געאגראפישער טייל פון פאלעסטינע. דער אזוי־גערופענער עבר־הירדן, איז דורך ענגלאנד אויסגעטיילט געווארען אין א בעזונדער לאנד אויסשליסליך צוליב פאליטישע טעמים (צוטייל און הערש). דאס דאזיגע לאנד איז אנדערהאלב מאל אזוי גרויס ווי פאלעסטינע, האט מעהר וואסער און א בעפעלקערונג נאר פון 350.000 מאן. פון שטאנדפונקט פון היסטארישער קאנסעקווענץ און גערעכטיגקייט. שטעהט נאר נישט אין וועג אז די יודישע אימיגראציע זאל אויך דארט האבען א אפנאנג. גארנישט — א חוץ די אינטערעסען פון גרויסבריטאניען, אבער פאלעסטינע איז דאך נישט איהר אייגנטום נאר א מאנדאט איבער וואס עס האט עפּיס צו זאגען די פעלקער־ליגע. דער דאזיגער טייל פון פאלעסטינא, רעכנענדיג אפילו לויט די נארמען פון ערשטען טייל פאלעסטינע, (אלזא פיל ווייניגער) האלט געקאנט אויפנעהמען אנ׳ערך 5 מיליאן יודען אהן שאדען פאר דער אראבישער בעפעלקערונג. ד. ה. אז צוזאמען וואלט גאנץ פאלעסטינע געקענט אויפנעהמען ביז 8 מיליאן יודען. און ווייל איבערצופיהרען קיין פאלעסטינע אלע יודען פון דער וועלט חלום׳ען נישט אפילו די עקסטרעמסטע אנהענגער פון ציוניזם, ווי אויך עס גלויבט נישט אין דעם קיין שום ניכטערן דענקענדער מענש צווישען די פעראינטערעסירטע פעלקער, וואלט די דאזיגע צאהל געווען פולשטענדיג גענוג צו מילדערען דעם ווירטשאפטליכען קריזיס פון די לענדער מיט א יודישער מינדערהייט, ווי אויך אויסבעסערן די עקזיסטענץ פון די יודען [illegible] בלייבען אין גלות. מיט אנדערע ווערטער, דאס יודישע פראבלעם אין מיטעל־אייראפע וואלט געקענט געלעזט ווערען נאר דורך פאלעסטינע.

די אנהענגער פון געדאנק, אז פאלעסטינע וואלט גענוג געווען פאר די צילען פון א יודישער נאציאנאלער היים גלויבען, אז איהר אויסערגעוועהנליך גינסטיגע האנדעלס־לאגע וואלט מעגליך געמאכט אזא אויסנוצונג פון דעם געביט, אז מיט דער צייט וועט זי ווערען איינס פון די בעפעלקערטסטע לענדער אויף דער וועלט, ווי ענגלאנד בעלגיען אדער דייטשלאנד, אין אזא פאל וואלט פאלעסטינע געקענט אויפנעהמען פון 8 ביז 18 מיליאן מענשען. דא פערשטעהט זיך, מיר טרעטען שוין אריין אין געביט פון פאנטאזיע. עס איז אבער שווער נישט מודה צו זיין, אז דער ביז־איצטיגער טעמפא פון דער קאלאניזאציע פון פאלעסטינע, בערעכטיגט אין א געוויסער מאס אפילו אזא מין מעגאלאמאניע. איבעריגענס זענען דאס פראגען פון דער ווייטערדיגער צוקונפט, וועגען וועלכע עס זאלען זיך זארגען די ווייטערדיגע דורות. איצט געהט נאר אין דער פעסטשטעלונג, אז ביי א ביסעל גוטען ווילען מצד דער מאסגעבענדער מאכט פון דער מאנדאט־רעגירונג אדער פון דער ליגע, וועט זיך די אויפנאהמס־פעהיגקייט פון פאלעסטינע ארויסווייזען בעדייטענד גרעסער ווי מען האט דאס ביזאיצט געוואלט פארשטעלען.

די פוילישע דעלעגאטען אויף דער לעצטער פעלקער־בונד פערזאמלונג האבען בעטאנט די איצט בעגרעניצטע אויפנאהם־מעגליכקייט פון פאלעסטינע אנווייזענדיג אז צוליב דעם וועט מען מוזען זוכען אנדערע טעריטאריעס פאר דער יודישער אימיגראציע. צי דארף מען אבער אין די דאזיגע ווערטער נישט זוכען די דיפלאמאטישע פארזיכטיגקייט, צו פערברייטערן דאס פראבלעם, ווען דאס וואלט אין דער צוקונפט געווען נויטיג. אדער די קאטעגאָרישע פעסטשטעלונג פון דעם פאקט אליין, אז פאלעסטינע קאן נישט גענוגען? די אונטערשטיצונג פון דער יודישער אימיגראציע קיין פאלעסטינע ליגט צופיל אין אונזער אינטערעס, אז מיר זאלען מיט אמאל דערפון רעזיגנירען, נישט אויסנוצענדיג פריהער אלע אונז צוגענגליכע מיטלען, מיטן ציל צו פערברייטערען און צו פערפולקאמען.

אזוי צי אזוי — דער גורל איז געווארפען און דערווייל בלייבט נאר צו ווארטען וואס פאר א ווענדונג עס וועלען אננעהמען די ווייטערדיגע געשעהנישען: וואס עס וועט זאגען די קעניגליכע קאמיסיע. ווי אזוי עס וועט זיך צו אונזערע פארשלאגען בעציהען די פעלקער־ליגע און די פעראינטערעסירטע מאנדאט־מלוכה".

א ווירטשאפטליכע רעוואלוציע קומט פאר אין דער וועלט

און מיר יודען מוזען זיך צו איהר צופאסען

פון פראפ. געארג בערנהארד

א ווירקזאמע הילף פאר דער יודישער נויט קען אויף קיין פאל נישט בעשטעהן אין דעם, — און חאָטש קען מען שוין היינט נישט זאגען נישט אפווארטענדיג די רעזולטאטען פון א ספעציעלער אונטערזוכונג, — אז מען זאל נאר יוצא זיין הנדמיט, וואס מען וועט צונויפנעהמען פאר די נויטבעדערפטיגע וואס מעהר געלד. געווים, ביי אלע אומשטענדען קען מען אהן געלד נישט אויסקומען ביי דער הילפס־ארבייט און שוין איצט איז קלאר, אז קודם־כל מוז געזיכערט ווערען א בעדייטענד אויסגעארבייטער און פערשטארקטער יודישער קרעדיט־אפאראט. כדי צו זיין בעוואפענט פאר די גרויסע בעדערפענישען אין דער צוקונפט, מען וועט זיך דעריבער קענען שטיצען אויף דער גרויסער נעץ פון יודישע לייז־קאסעס, גמילת־חסדים קאסעס און קהלות געזעלשאפטען. אויך די גרינדונג פון א יודישע צענטראל־באנק, וואס איהר אידעע איז פראפאגאנדירט געווארען פונם וועלט־קאנגרעס, דארף בעזונדערס רינגען דער אויפגאבע צו שטיצען און פאראיינהייטליכען די פערהאנענע יודישע קרעדיט־אנשטאלטען און צו העלפען שאפען נייע אזעלכע קרעדיט־אנשטאלטען וואס וועלען זיך ארויסווייזען פאר נויטווענדיג נאכן ערנסטען שטודירען דעם מצב פון די יודען און פון אלע מעגליכע פארמען פון הילף.

אבער מען וועט אויך ערנסט דארפען שטודירען די פראגע, צו וועלכע צוועקען קען באמת דינען אין דער צוקונפט די פינאנציעלע הילף — אין דער פארם פון שטיצע אדער אין דער פארם פון קרעדיט? אפשר וועט פאר א סך לענדער זיין גענוג פשוט צו העכערען די סומע פון קרעדיט פאר בעשטימטע פראפעסיעס, ווייל דא געהט נאר אין דעם וואס צוליב די הערשענדע אנטיסעמיטישע טענדענצען אדער צוליב דער פערשארפונג פון דעם אלגעמיינעם עקאנאמישען קריזיס ווערען די יודען זעהר געשטערט אין זייערע בעשעפטיגונגען, אבער אין אנדערע לענדער און אין אנדערע פראפעסיעס קען זיך ארויסווייזען, אז צוליב די גרונדליכע ענדערונגען אין דער סטרוקטור פון דער אלגעמיינער פאלקסווירטשאפט זענען פאר געוויסע פארמען פון יודישער עקאנאמישער טעטיגקייט קיין אויסזיכטען אויף לאנג נישט פאראן און זיי קענען קיין הצלחה נישט האבען. און דעריבער האט קיין שום זינען נישט ווייטער זיי קינסטליך צו שטיצען, אין אזעלכע פאלען וועלען נויטיג זיין חוץ מאטעריעלער הילף אויך עקאנאמישע בעראטונגען און אויפקלערונגען פאר דער יודישער מאסע און יחידים. כדי צו בעוועגען זיי אריבערגעהן צו אנדערע פראפעסיעס.

בכלל וועט דאס וואס מען רופט ביי אונז ,,אומשיכטונג" אדער ,,אומשטעלונג" שפילען אין דער צוקונפט אנ׳אומגעהייערע ראלע, אבער וואס בעדייט אייגענטליך ,,אומשטעלונג"? דער אויסדרוק ווערט איצט אומעטום בענוצט און איבערגעחזרט אהן דעם, מען זאל זיך אריינטראכטען אין זיין אינהאלט. און מען גלויבט דערביי, אז מען האט דערמיט געלעזט א פראבלעם. עס איז דעריבער בעזונדערס נויטיג צו זוכען א ריכטיגען ענטפער אויף דער פראגע, מען האט די לעצטע צייט גערעדט וועגען ,,אומשטעלונג" אין פערבינדונג מיט די שרעקליכע געשעהענישען אין דייטשלאנד: די דייטשע יודען, בעזונדערס די יונגע, וואס ביי זיך אין לאנד קענען זי נישט געפינען קיין שום שטעלע (אפילו ווי א לערן־יונגעל), ווערט דורך דעם געטריבען צו אויסוואנדערונג. אויך די גרויסע צאהל דייטשע עמיגראנטען זענען געווען געצוואונגען, כדי זיך צו קענען דערהאלטען אין דער פרעמד, איבערצוגעהן צו אנדערע פראפעסיעס ווי די, צו וועלכע זיי זענען פון דער היים געווען צוגעוואוינט. מען קען עס פערשטעהן, אז דערביי האט מען אפט געמוזט האנדלען אהן בעזונדערען ישוב הדעת, ראדיקאל און פרימיטיוו צוגלייך. די גרויסע לייזונג איז געווען: ווערען לאנדווירטע און האנדווערקער! און דעמאלט האט נאטירליכערווייזע אויפגעוואכט ביי אלע דייטשע יודען, אויך ביי די, וואס זענען ביז דאן געווען, מילד גערעדט, שארפע נישט ציוניסטען, די היימישע בענקעניש נאך פאלעסטינע. דארט אין פאלעסטינע האט מען זיך אין דער ערשטער ריי גענויטיגט אין לאנדווירטע און האנדווערקער. אבער דערווייל איז קלאר געווארען, אז אויב די יודישע אויסוואנדערונג איז בכלל נויטווענדיג קען זי זיך נישט בעגרעניצען נאר אויף פאלעסטינע אליין. און ווייטער האט מען זיך איבערציינט פון דער ערפאהרונג, אז אפט האבען זיך אין אזעלכע לענדער אין דער צווישענצייט גרינדליך געענדערט די עקאנאמישע עקזיסטענץ־מעגליכקייטען אויך פאר די ארטיגע יודען, און אויך זיי זענען געצוואונגען געווארען זיך פראפעסיאנעל אומשיכטען.

דערצו קומט נאך די ערשיינונג — און ליידער האבען נאך די יודען אין דער גאנצער וועלט נישט גענוג אויפגעפאסט — אז אין אלע לענדער בעווייזען זיך טענדענצען, וואס וועלען אויף לאנג צוגעבען דער אלגעמיינער ווירטשאפט פון דער וועלט א גאנץ אנדערען כאראקטער. מיר לעבען אין אנ׳עפאכע, וואס וועט אמאל אין די געשיכטע ווערק געשטודירט ווערען, ווי אנ׳איבערגאנג פון דער ריין־קאפיטאליסטישער פרייער ווירטשאפט צו גאנץ אנדערע פארמען פון א מעהר ג ע ב ו נ ד ע נ ע ר ו ו י ר ט ש א פ ט. ביי אונזערע בני־דור אבער שוועבט נאך אפט פאר די אויגען דאס בילד פון די פריהערדיגע גליקליכע צייטען און דאס וואס עס קומט איצט פאר איז לויט זייער מיינונג, א געוועהנליכע קריזיס־צייט, וואס וועט זיך ענדיגען, און אלץ וועט ווידער ווערען ווי געווען.

אין דער ווירקליכקייט אבער לעבען מיר אין מיטען פון אנ׳אומגעהייערער רעוואלוציע פון וועלכער קיין וועג צוריק צום נעכטען איז נישט פאראן. און פון וועלכער עס מוז עפעס נייעס געבוירען ווערען, א נישט וועט קומען איינטאנצען צו א כאאס. עס דארף ווערען די אויפגאבע פונם יודישען וועלט־קאנגרעס בעצייטענס צו בעגרייפען וואוהין געהט די ענטוויקלונג און צו זארגען דערפאר, אז די יודען זאלען זיך צו דער רעכטער צייט צופאסען צו די קומענדיגע ווירטשאפטליכע פערהעלטענישען, ערשט אויף אזא אופן קענען פערוואנדעלט ווערען אויף א פראדוקטיווען וועג קרעדיט־מיטלען, כדי צו אונטערשטיצען און פון דאס ניי אויסבויען די יודישע ווירטשאפט.

דאס היינטיגע עסטרייך און די יודען

(ספעציעל־קארעספאנדענץ פון ווין)

מיט עטליכע טעג צוריק האט מען אין עסטרייך, דורך א פשוט׳ער פעראָרדנונג פון דער רעגירונג, אפגעשאפט אלע מיליטערישע ווערהר־ארגאניזאציעס, וואס האבען ביז איצט אונטער דער פיהרונג פון פעי און שטארעמבערג געהאט די גרעסטע פאליטישע השפעה אין לאנד. דורך דער פשוט׳ער פעראָרדנונג איז מבטל געווארען די גאנצע פאליטישע תקופה, וואס האט זיך געצויגען פון דער רעוואלוציע פון פעברואר אין יולי 1934, דאס הייסט פון דער צייט, ווען די איצט אפגעשאפטע מיליטערישע פארמאציעס האבען אין א בלוטיגען קאמף צושלאגען די לינקע (סאציאליסטישע) פארטייען און די עסטרייכישע נאציס, בעת די לעצטע האבען דערהרג׳עט דעם קאנצלער דאלפוס. עס הערשט אין עסטרייך א אויסשליסליך די שושניג־רעגירונג און די אזויגערופענע פאטערלענדישער פראנט, וואס האט דעם צוועק, ארומצונעמען אלע אנהענגער פון איצטיגען עסטרייכישען רעזשים. מ׳קען און מ׳וויל נישט אנערקענען קיין שום אנדערע פארטייען — און די מלוכה טוט, וואס זי וויל. אזוי ארום האט דער קורס פון דאלפוס דערגרייכט אין איצטיגען מאמענט זיין העכסטע מדרגה פון אנ׳אויטאריטעטער מלוכה. און, אז די מלוכה איז אויטאריטער, דייטש און קריסטליך — אויף דעם ווערט זינט דאלפוס׳ן ביי יעדער געלעגנהייט אנגעוויזען. אויב מ׳מיינט אבער, אז דאס היגע פאליטישע לעבען איז אינגאנצען אפגעשטארבען, טא האט מען א גאר גרויסען טעות. די פאליטיק מאכט טאקע די רעגירונג, אבער פון דעסטוועגען קאכט עס און רעשט עס [illegible] אויף שריט און טריט. ס׳איז אמת, אז די לינקע פארטייען האבען דורך זייער קורצזיכטיגער פאליטיק לעת־עתה אויסגעשפילט זייער פאליטישע ראלע אין עסטרייך. די פיהרער וואוינען אין אויסלאנד און די פעולה פון די אומלעגאלע ארגאניזאציעס איז מבטל געווארען דורך דער אויטאָריטעטער מלוכה. די רעגירונג בעמיהט זיך מיט אלע כחות צו געווינען פאר זיך די ארבייטערשאפט מיט דער הילף פון איהרע אייגענע געווערקשאפטען און מיט א ליבעראלער־סאציאלער געזעצגעבונג לטובה פון די ארבייטער. די עסטרייכישע ארבייטער־בעוועגונג איז ביים פעברואר־פוטש מיט צוויי יאהר צוריק צובראכען געווארען אלס פאליטישע מאכט — היינט לעבט זי אויף אלס אנ׳עקאנאמישער פאקטאר, וואס שטיצט א קלעריקאלע און אבסאלוטיסטישע מלוכה. אזוי ענדערען זיך די פראנטען אין עסטרייך — און ווער עס קען דעם גוטמוטיגען עסטרייכער, וואס האט קיינמאל נישט געקענט דענקען פאליטיש זעלבסטשטענדיג, פאר דעם איז דער דאזיגער גילגול פון לינקס אויף רעכטס קיין שום חידוש נישט.

א סך שטארקער איז אבער דערפאר די פעולה פון די רעכטע פארטייען, אייגענטליך פון דער נאצי־פארטיי, וואס נעמט ארום אלע געגנערישע און צעשטערערישע עלעמענטען פון גאנץ עסטרייך. מיט אט דער פארטיי, וואס איז, ווי בעקאנט, אפגעשאפט און פערווערט, פיהרט די מלוכה א כסדר׳דיגען קאמף אויף לעבען און טויט. די געוואלדיגע מגפה פון היטלער׳ן רייסט זיך מיט גרויס אימפעט אריין אין דער ,,דייטשער און קריסטליכער" מלוכה עסטרייך, און פערשפרייט זיך אהן שום ספק מיט יעדען טאג מעהר און מעהר. דא נוצען גארנישט די פערבאטען און געזעצען, דא נוצט נישט די תפיסה. ווייל די דייטשע אינטעליגענץ און בפרט דער יונגערער דור איהרער נעמט אין זיך אויף דעם סם פון ראסיזם און זעהט אין די פאליטישע ערפאלגען פון היטלער׳ן דעם איינציגען וועג, כדי מקיים צו זיין דעם פאן־גערמאנישען חלום, וואס ציהט זיך ווי א רויטער פאדים פון קארל דעם גרויסען ביז ביסמארקן. דער ראסיזם און דער אנטיסעמיטיזם זענען אויך אין עסטרייך א ,,בעליבטע" און א ביליגע סחורה, הגם די רעגירונג האלט זיך לעת־עתה שטרענג ביי דער קאנסטיטוציע, וואס בעהאנדעלט אלע בירגער גלייך.

אבער די זעלביגע מלוכה, וואס איז אבסאלוט און אויטאריטער, קאן נישט פערהאלטען, אז די אידעאלאגיע פון די אפגעשאפטע און פערווערטע נאציסטישע פעראיינען זאלען קומען צו דער מאכט אפילו אין דער מלוכה׳שער פערוואלטונג און אינ׳ם געזעלשאפטליכען לעבען פונ׳ם עסטרייכישען קיבוץ.

מען האט געמיינט, אז דער גרויסער און צייטענווייז געפעהרליכער סכסוך צווישען דייטשלאנד און עסטרייך וועט א סוף מאכען צו אט דער וועלט־פאליטישער פראבלעם, ווען די ביידע מלוכות האבען דעם זומער געשלאסען דעם בעוואוסטען אפמאך. אמת, איז, אז די וועלט האט אויפגעאטעמט. ווען מען איז דערפון געוואהר געווארען. א נייער וועלט־מלחמה איז דורך דעם אפמאך אויסגעמיטען געווארען. די גרויסע דייטש־עסטרייכישע אפמאכען און די פערספעקטיווען וואס מ׳האט דערווארט. זענען ביז איצט אין קיין שום פרט נישט מקוים געווארען. די ווירטשאפטליכע פערהאנדלונגען זענען ביז צום היינטיגען טאג נאך נישט געענדיגט. דייטשלאנד איז א הויך ענטוויקעלטע, אינדוסטריעלע מלוכה און נויטיגט זיך קודם־כל אין רויה־פראדוקטען. עסטרייך איז אויך אנ׳אינדוסטריעלע מלוכה. און קאן דאס ביסעל רויה־פראדוקטען ליפערען נאר דעמאלט, ווען מ׳צאהלט מזומן. דייטשלאנד ליידט אבער אין דוחק פון פרעמדע דעוויזען און דערפאר איז אנ׳עקאנאמישער הילף פאר עסטרייך מצד דייטשלאנד נישט מעגליך. דאס איינציגע, אין וואס עסטרייך נויטיגט זיך יא און וואס עס וואלט געקענט בעקומען פון דייטשלאנד — זענען קוילען. אבער קוילען מוז עסטרייך קויפען ביי זיינע שכנים, טשעכאסלאוואקיי און פוילען, כדי צו קענען דערהאלטען זיין עקספארט אין די דאזיגע לענדער.

אז יודען זענען אין א קריסטליך־אויטאָריטעטער מלוכה אינגאנצען אויסגעשלאסען פון פאליטישען לעבען — איז קלאר. דערצו מוז מען נאך אין אכט נעמען, אז דער יודישער קיבוץ אין עסטרייך האט נישט קיין איינהייטליכען פרצוף.

(ווייטער זעה זייט 5.)

דער דלות צווישן יודישע דאָקטוירים אין דייטשלאַנד

מען מוז שוין איינאָרדנען פאַרשטעלונגען לטובת נויטליידענדע יודישע דאָקטוירים

בערלין (יט"א) דער דלות צווישן די יודישע דאָקטוירים אין דייטשלאַנד איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די בערלינער קהלה האָט זיך געזעהן געצוואונגען צו אָרגאַניזירען א ספּעציעלע טעאַטער־פאַרשטעלונג, כדי צו בעשטימען די הכנסות לטובת נויטליידענדע יודישע דאָקטוירים. דאָס איז געשעהן צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דייטשן יודענטום. די פאַרשטעלונג פון דעם יודישן קולטור־בונד וועט פאָרקומען דעם 17. נאָוועמבער.

די דייטשע מאַכט האָט בעשטעטיגט דעם פּלאַן פון הכשרה־פּונקטען, וואָס נעהמען אַרום 3.200 חלוצים.

מתוך דעם פאַל מיט דעם אַרעסט פון צוויי ציוניסטישע עסקנים, וועלכע זענען שפּעטער בעפרייט געוואָרען, איז די בעציהונג פון דער דייטשער רעגירונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געבליבען אונפאַרענדערט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זעצט פאָר נאָרמאַל איהר טעטיגקייט.

אברהם, יצחק און יעקב, ווערען פאַרטריבען פון דייטשלאַנד.

בערלין, (יט"א). אויף א קאָנפערענץ פון נאַצי־לעהרער וועלכע איז פאָרגעקומען אין אולם, איז אַרויסגערוקט געוואָרען די פאָדערונג צו בעזייטיגען פון אַלע שול־ביכער אַלץ, וואָס בעציהט זיך אויף די ביבלישע געשטאַלטען פון אברהם, יצחק און יעקב, אנשטאָט זיי זאָלען אַריינגעפיהרט ווערען געשטאַלטען פון דער טויטאָנישער מיטאָלאָגיע, ווי זיגפריד א. אַנד.

דער פּרעמיער פון בראַונשווייג דיטריך קלאַגעס, האָט, בעגריסענדיג די קאָנפערענץ פאַר היסטאָרישער פאָרשונג אין אולם, געפאָדערט אויפסניי צו פאַרפאַסען די לעהר־ביכער פון דייטשער געשיכטע אין גייסט פון היטלער'ס „מיין קאַמף". ער האָט אויך פאָרגעלאַנגט דאָס מען זאָל ליגען מעהר אַכט אויף די ראַסען־עפּיזאָדען.

אויפגעלעזט דעם יודישען פּליטים־הילפס־קאָמיטעט אין באַרצעלאָנאַ?

בערלין, (יט"א). לויט די ידיעות וואָס זענען ערהאַלטען געוואָרען דורך די היגע יודישע אָרגאַניזאַציעס פון באַרצעלאָנאַ איז דאָרט אויפגעלעזט געוואָרען דורך דער מאַכט דער יודישער הילפס־קאָמיטעט „עזרה", וואָס איז געווען פאַרבונדען מיטן „היצעם", די מאָטיווען פון דער אויפלעזונג זענען נישט בעוואוסט.

ביבלישע שוישפּילען אין דייטשע סינאַגאָגען.

בערלין, (יט"א). אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער „קינסטלער־הילף" ביי דער יודישער קהלה אין בערלין וועט סוף נאָוועמבער אויפגעפיהרט ווערען אין איינער פון די בערלינער סינאַגאָגען עמיל בערנאַרד קאָהן'ס ביבלישער שוישפּיל „דער בריף פון אוריה". עס האַנדעלט זיך וועגען א גאַנץ נייעם עקספּערימענט וואָס זאָל מיט דער צייט געפינען אַנ׳ אָנווענדונג אין די קהלות, וועלכע בעזיצען נישט אין זייער רשות קיין שום זאַלען חוץ די סינאַגאָגען.

בעציהונג פון דער דייטשער רעגירונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בלייבט אונפאַרענדערט.

לאָנדאָן, (יט"א). די לאָנדאָנער פאַרהאַנדלונגען צווישען דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער דייטשער רעגירונג בנוגע די עקזיסטירענדע הכשרה־קיבוצים זענען שוין פאַרענדיגט געוואָרען.

אַביסעלע קיבּיץ

(הומאָר פון טאָג)

אַנ׳עלטערער מאַן האָט ענדליך בעשלאָסען אויפצוגעבען זיין בחור'שאַפט און חתונה צו האָבען.

— פערשטעהסט — האָט ער געזאָגט צו זיינעם א פריינד — איך בין שוין אַלט און ווען מיין סוף וועט קומען, וואָלט איך געוואָלט, אַז אימיצער זאָל מיר פערמאַכען די אויגען.

— איך פערשטעה, — האָט יענער סימפּאַטיש געענטפערט — איך האָב שוין געהאַט צוויי און זיי האָבען מיר אויפגעעפענט די אויגען.

* * *

— כן מיין פריינד — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צום פּאַציענט — וואָס קען איך טאָן פאַר אייך?

— אַזוי גאָר? ווען איך וואָלט אַליין געוואוסט, וואָלט איך דאָך נישט געקומען צו אייך אויסגעבען 10 זל., אַז איהר זאָלט מיר זאָגען.

דאָס לעבען אין ארץ־ישראל

ידיעות פון דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור

די פּערספּעקטיווען פון דער אראַבישער בּאָיקאָט־אַקציע

ירושלים. דער זעקס־חדשים'דיגער שטרייק האָט טיף ערשיטערט די אראַבישע ווירטשאַפט. די אראַבישע בענק זענען געשלאָסען. די וועקסלען און אַנדערע חובות האָט מען נישט אָפּגעצאָהלט. דער האַנדעל איז אַזוי גוט ווי געווען אָפּגעשטאָרבען, די אינדוסטריע האָט כמעט נישט געאַרבייט א. א. וו.

די אראַבער בעמיהען זיך איצט צו שאַפען מיטלען פאַר זייער אייגענער באַנק, וואָס האָט שטאַרק געליטען פאַר דער לעצטער צייט. צו דעם צוועק ווערט געפּלאַנט אָנצוהייבען א דרייוו לטובת דער באַנק און מען קלויבט זיך פאַרקויפען די אַקציעס פון דער באַנק צווישען די דאָרפישע אראַבער, נאָך ווערט געפּלאַנט אויפצושטעלען א קרעדיט און האַנדעלס־אַנשטאַלט, וואָס זאָל אַרויסהעלפען די סוחרים און די אראַבישע פאַבריקאַנטען. די אראַבער האָבען איצט געוואָרפען די לאָזונג פון אַנטי־יודישען בּאָיקאָט. די אויסזיכטען אויף אַנ׳ערפאָלגרייכע באָיקאָט־אַקציע זענען אָבער גאַנץ קנאַפּע. יעדנפאַלס וועט די דאָזיגע אַקציע נישט אויסהעלפען די יעניגע אראַבישע ווירטשאַפטליכע פּאָזיציעס, וועלכע זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרען צוליב דעם בּאָיקאָט און די אונרוהען. דער זעלבסט אויסקום פון דעם יודישען ישוב האָט זיך פאַר די לעצטע 6 חדשים בעדייטנד פאַרשטאַרקט. דאַגעגען די אראַבער זענען נאָך אַלץ אין א קריטישער מצב אָנגעוויזען אויף דעם אָפּזאַץ פון זייערע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען ביי יודען, ווי אויך אויף זייערע פאַרדינסטען ביים פאַרדינגען זיך אויף אַרבייט ביי יודען.

גלאָריפיצירונג פון די טעראָריסטען

ירושלים. די אראַבישע צייטונג „אל ליוואַ" טיילט מיט, אַז אין ירושלים איז געגרינדעט געוואָרען א ספּעציעלער אראַבישער קאָמיטעט, מיטן צוועק איבערצופיהרען די קערפּער פון סאַאיד, וועלכער איז געווען א פיהרער פון א טעראָריסטען־באַנדע און איז דער׳הרג׳עט געוואָרען נעבען בית־לחם, קיין ירושלים און באַגראָבען איהם אין אַנ׳שהרוף קבר. ווי אויך אויפצושטעלען די מצבה אויפן פּלאַץ, וואו ער איז געפאַלען. ווייטער איז מודיע „אל ליוואַ", אַז די אראַבישע שטאָט־פאַרוואַלטונג פון חברון האָט בעשלאָסען אָנצורופען דריי גאַסען אין חברון אויפן נאָמען פון דריי דער׳הרג׳עטע אראַבער.

ביים קבר רחל

ירושלים. אין משך פון דער גאַנצער צייט פון די אונרוהען איז קיין יודישער פוס נישט איבערגעטרעטען די שוועל פון רחל'ס קבר, וואָס געפינט זיך האַלב־וועגס צווישען ירושלים און בית־לחם. די טעג האָט דער שומר צום ערשטען מאָל פאַר דער גאַנצער צייט אויפגעמאַכט דעם קבר. ווי דער שומר האָט איבערגעגעבען דעם פאַרשטעהער פון דער יט"א האָבען די אראַבער פון די אַרומיגע דערפער בעגעגנט בסבר פנים יפות און איהם פאַרזיכערט, אַז זיי האָבען נישט גענומען קיין אַנטייל אין די געשעהענישען נאָר אראַבער פון עבר־הירדן און סיריען האָבען זיך אַריינגעגנב׳עט אין לאַנד און אָנגעמאַכט דעם גאַנצען מהומה. זיי, די אראַבער פון די אַרומיגע דערפער, האָבען געלעבט און ווילען ווייטער אויך לעבען בשלום מיט די יודען.

ענטדעקט א וויכטיגען בריף פון משה העס

ירושלים. די אָפּטיילונג פון אויטאָגראַפען און פּאָרטרעטען ביי דער העברעאישער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק האָט די טעג בעקומען א וויכטיגען דייטשען בריף פון משה העס. דער בריף, וואָס פאַרנעמט דריי־און־האַלב זייט, איז געשריבען געוואָרען אין אַנטווערפּען אין 1852 יאָהר און איז אַדרעסירט צו דעם בעוואוסטען פיזיאָלאָג פּראָף. י. מאָלעשאָט, ער איז אָבער נישט אָפּגעשיקט געוואָרען ווי עס איז צו זעהן פון העס'ס א הוספה פון 1863 יאָהר. דער בריף ענטהאַלט נאָך א פּאָסט־סקריפּטום פון 1854. אין בריף רעדט זיך וועגען ביאָלאָגישע פּראָבלעמען, דער עיקר וועגען דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון לעבען, בעשאַפונגס־פּראָבלעם און דער ענטוויקלונג פון די געשלעכטער.

„דואר היום" ווערט פאַרוואַנדעלט אין א וואָכענבלאַט

ירושלים. די עלטסטע העברעאישע טאָג־צייטונג פון א"י, דער „דואר היום", וועלכער איז שוין עטליכע חדשים געשלאָסען, הויבט איצטיגען אָן צו ערשיינען אַלס וואָכענשריפט אונטער דער רעדאַקציע פון בר־דרורא.

נייע יודישע ווירטשאַפט אין מאַלעוו־פּאַדאַלסק

די פּראַגע וועגען שאַפען א יודישען קאָלווירט אין מאַלעוו־פּאַדאַלסק איז שוין לאַנג געשטאַנען, קאָנטינגענט פאַר'ן קאָלווירט איז פריהער נישט ווייניג, און היי־יאָהר פריהלינג האָט זיך טאַקע אָרגאַניזירט דער יודישער קאָלווירט אויף ליובטשענקאָס נאָמען.

אינ'ם ניי־אָרגאַניזירטען קאָלווירט זענען אַריינגעטראָטען העכער 50 משפחות, הויפּטזעכליך מענשען אָהן בעשטימטע פּראָפעסיעס, געוועזענע הענדלער א. ד. גל.

די אָרטיגע אָנפיהרענדיגע אָרגאַניזאַציעס — דער שטאָט־ראַט, דער ערד־אָפּטייל האָבען געשאַפען פאַר'ן יודישען קאָלווירט אַנ׳אויסגעצייכענטע באַזע. פונ'ם ליקווידירטען קאָאָפּערירט האָט מען דעם קאָלווירט איבערגעגעבען עטליכע אונדדרייסיג העקטאַר ווייַנגערטנער, 40 העקטאַר ערד, פאַרזייהטע מיט ווינטער־קולטורען און 20 העקטאַר אַקער־ערד.

די קאָלווירטניקעס האָבען זיך ענערגיש א נעם געטאָן צו דער אַרבייט און בעשטעלט דעם קאָלווירט אויף די פיס. און כאָטש עס האָט געפעהלט שלעפּ־קראַפט און לאַנדווירטשאַפטליכער אינווענטאַר, דאָך האָט דער קאָלווירט דערפאָלגרייך אויסגעפיהרט די פריהלינג־אַרבייט. בעזונדער האָבען די קאָלווירטניקעס געלייגט אַכט אויף די ווייַנגערטנער, וואָס זענען די גרונט־באַזע פונ'ם קאָלווירט. אין רעזולטאַט פון דער איבערגעגעבענער אַרבייט האָבען די קאָלווירטניקעס אויסגעקעמפט אַנ׳אויסגעצייכענטע בעראָטעניש. פון די 25 העקטאַר ווייַנגערטנער נעמט דער קאָלווירט היי־יאָהר אַראָפּ ביי 10 טויזענד פּוד ווייַנטרויבען. פאַראַיאָהרען, ווען די ווייַנגערטנער האָבען געהערט צום קאָאָפּערירט, האָט מען פון 52 העקטאַר ווייַנגערטנער אַראָפּגענומען בלויז 7 טויזענד פּוד ווייַנטרויבען. די ערשטע ווייַנגערטנער־בריגאַדע האָט מוסטערהאַפט בעאַרבייט איהר בעצירק. זינט דער ווייַנגערטען עקזיסטירט, האָט מען נאָך נישט אַראָפּגענומען אַזאַ הויכע געראָטעניש, ווי היי־יאָהר.

די פערטע בריגאַדע האָט בעאַרבייט איהר בעצירק אויפ'ן בעסטען אופן די 4־טע בריגאַדע האָט די ערשטע אַראָפּגענומען די געראָטעניש, און צוגעטראָטען אַריינגען דעם ווייַנגערטען. זי האָט שוין העכער 3 העקטאַר ווייַנגערטנער. איינגיכען טרעט זי צו פאַרגראָבען די לאָזעס אויפ'ן ווינטער.

אויסגעצייכענט זיך האָט אויך די דריטע בריגאַדע.

סעסיע פון נאַנסען־אַמט פאַר היימלאָזע

זשענעווע, (יט"א). דער אַדמיניסטראַטיוו־ראַט פון נאַנסען־אַמט פאַר היימלאָזע ביים פעלקער־בונד האָט די טעג אָפּגעהאַלטען זיין 14־טע סעסיע אונטערן פאָרזיץ פון פּרעזידענט פון דאָזיגען אַמט ה' מיכעל האַנסאָן.

אין לויף פון די בעראַטונגען האָט דער פּרעזידענט געהאַלטען א לענגערע רעדע, אין וועלכער ער האָט אויסגעדריקט זיין צופרידענהייט צוליב דעם בעשלוס פון דער פעלקער־בונד פאַרזאַמלונג וועגען בעשטימען 200.000 שווייצאַר־פראַנק אויף איבערפיהרען צוויי הונדערט פאַמיליעס פון די סאַאַר־היימלאָזע קיין פּאַראַגוואַי. די דאָזיגע געלד־סומע וועט ערמעגליכען דעם נאַנסען־אַמט דורכצופיהרען אַנ׳ אַרבייט פון ערשט־ראַנגיגער בעדייטונג. די ערשטע פּאַרטיע פּליטים, וועלכע זענען דערווייל אין פראַנקרייך וועלען שוין די טעג איבערגעפיהרט ווערען קיין פּאַראַגוואַי.

ה' האַנסאָן האָט ווייטער ערקלערט, אַז דער פעלקער־בונד האָט בעשלאָסען צו ליקווידירען דעם נאַנסען־אַמט אין ענדע 1938 יאָהר און האָט דעריבער בעפאָלמעכטיגט דעם פּרעזידענט צו צוזאַמענשטעלען א גענויעם פּלאַן וועגען דער ליקווידאַציע פון דאָזיגען אַמט — אויף דער סעסיע פון פעלקער־בונד־ראַט, וועלכע וועט פאָרקומען אין מאַי 1937 יאָהר, שפּעטסטענס אָבער דאַרף דער דאָזיגער פּלאַן צוגעשטעלט ווערען אין יולי 1937, דער רעדנער ערקלערט, אַז אויב עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו שליסען דעם נאַנסען־אַמט, הייסט עס נאָך נישט, אַז מען האָט צוגענומען ביי די היימלאָזע יעטוועדע יורידישע אָדער פּאָליטישע הילף, ווייל עס איז פּשוט אוממעגליך אַז פון 1939 יאָהר זאָלען די היימלאָזע ווערען פאָלשטענדיג איינגעאָרדנעט און זיי זאָלען זיך שוין מעהר נישט נויטיגען אין א שטיצע פון פעלקער־בונד. וועגען דער פאָרם פון דער דאָזיגער הילף און ווי אַזוי זאָל אויסזעהען דאָס פּליטים־פּראָבלעם נאָך דער ליקווידירונג פון נאַנסען־אַמט וועט גענוי אויסגעאַרבייט ווערען אין ליקווידירונגס־פּלאַן.

דער אַדמיניסטראַטיוו־ראַט האָט בעאויפטראַגט דעם פּרעזידענט ה' האַנסאָן צו בעזוכען סיריען און דאָרט גענוי צו אונטערזוכען די שוין אויפגעטוהענע אַרבייט ביים איינאָרדנען דאָרט אַרמענישע היימלאָזע ווי אויך אָנצונעהמען אַלע נויטיגע שריט, כדי צו דערפיהרען דאָס דאָזיגע ווערק צום סוף. א דאַנק דער הילף וועלכע עס האָט געגעבען די אַרמענישע אָרגאַניזאַציע וועט איצט מעגליך זיין איינצואָרדנען 600 אַרמענישע פאַמיליעס וועלכע וואוינען אין די שלעכטע בעדינגונגען אין הילצערנע באַראַקען אין ביירוט און אַלעפּאָ.

צום סוף האָט דער אַדמיניסטראַטיוו־ראַט מיט צופרידענהייט פעסטגעשטעלט, אַז די רוסישע היימלאָזע ווערען ביסלעכווייז נאַטוראַליזירט אין טערקיי א דאַנק דעם אָפּמאַך צווישען דער טערקישער רעגירונג און דעם נאַנסען־אַמט, דערווייל האָבען זיך שוין נאַטוראַליזירט 550 היימלאָזע און אין דער נעכסטער צייט וועלען נאַטוראַליזירט ווערען נאָך קרוב 1,150 היימלאָזע. אין איינקלאַנג מיטן דאָזיגען אָפּמאַך מיט דער טערקישער רעגירונג דאַרף דער נאַנסען־אַמט עוואַקואירען א גרויסע צאָהל רוסישע היימלאָזע פון טערקיי און איבערפיהרען זיי אין אַנדערע לענדער. ווי עס האָט ערקלערט דער פּרעזידענט וועלען טראָץ אַלע שוועריגקייטען אין דער נאָענטסטער צייט איבערגעפיהרט ווערען פון טערקיי 150 רוסישע פאַמיליעס.

צום סוף האָט דער ראַט בעשלאָסען אָפּצוהאַלטען זיין 15־טע סעסיע אין אַפּריל 1937.

דאָס היינטיגע עסטרייך און די יודען

(ענדע פון דער 4. זייט).

אין פאַרמאָגט נישט קיין איין שטאַרקע פיהרער־פּערזענליכקייט, וואָס וואָלט געקאָנט סיי ביי דער רעגירונג און סיי ביים יודישען כלל פאַרנעמען אַנ׳אויטאָריטעטען פּאָסטען און האָבען א גרעסערע השפּעה. אין די געזעצגעבערישע קערפּערשאַפטען זענען פאַרהאַן איינגאַנצען דריי יודען, אָבער אָהן א סימן פון כח אָדער אויטאָריטעט. מען טוט אַלץ, כדי אַרויסשטויסען די יודען און מען פרעגט זיי באַרנישט. פון צייט צו צייט ריהרט זיך עפּעס אויף די יודישע גאַסען, מען פּראָטעסטירט אין די צוויי יודישע בלעטער, וואָס גייען דאָ אַרויס. באַלד, אָבער, פאַרגעסט דאָס דער יודישער עולם און שלאָפט ווייטער דעם טראַגישען שלאָף פון אַ קיבוץ אָהן אַ פיהרער. די יודיש־נאַציאָנאַלע אידעע איז דאָ שטאַרק פאַרשפּרייט און ארץ־ישראל פאַרנעמט די מוחות פון יונגערען דור. אָבער ליידער איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שוואַך און צעבראָקעלט אויף צעהנדליגער פּאַרטייען, וואָס פיהרען אָפט א מיאוס'ען קאַמף איינע געגען די אַנדערע.

דער דאָזיגער סכסוך האָט דערפיהרט דערצו, אַז די אַסימילאַנטען, וואָס זענען אָרגאַניזירט אין דער „אוניאָן פון עסטרייכישע יודען" האָבען זיך בעמיהט אַריינצופיהרען אין די יודישע גאַסען א מלחמה צווישען מזרח און מערב און מסר'ן דעם יודיש־נאַציאָנאַלען כלל וועגען מאַנגעל אין עסטרייכישען פּאַטריאָטיזם. דער דאָזיגער קאַמף האָט זיך אין די לעצטע טעג פאַרשאַרפט, מחמת ס'קומען באַלד פאַר וואַהלען אין [illegible] קהלה, אין וועלכער די ציוניסטען האָבען, א דאַנק זייער מאַיאָריטעט, באמת זעהר א סך אויפגעטאָן פאַר'ן יודישען כלל אין די לעצטע פיר יאָהר פון זייער טעטיגקייט. דריי מיליאָנען שילינג האָט מען בלויז אינ'ם לעצטען יאָהר אויסגעגעבען פאַר אַלע יודישע אינסטיטוציעס, אָבער די נויט וואַקסט אַרויס איבער די קעפּ פון אַלע. אין די לעצטע יאָהרען זענען 15 פּראָצ. פון די יודען אַזוי פאַראָרימט געוואָרען, אַז זיי האָבען נישט פאַרמאָגט אַפילו די פּאָר שילינג, כדי צו בעצאָהלען די קהלה־שטייערען און צוליב דעם האָבען זיי פאַרלוירען דאָס וואַהל־רעכט. חוץ דעם וואַנדערען כסדר יודען אַרויס פון ווין און אַזוי אַרום ווערט דאָס יודישע לעבען דאָ חרוב נישט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויך עקאָנאָמיש. דער יודישער אַרבייטער קען נישט בעקומען קיין אַרבייט, ווייל ער ווערט אַרויסגעשטויסען פון די ריין קריסטליכע געווערקשאַפטען און דער יודישער סוחר און בעל־מלאכה ווערט שטילערהייט און מיט א שמייכעל אויסגעמיטען אָדער אָפען באָיקאָטירט. צווישען די מלוכה־בעאַמטע געפינט זיך נאָך בלויז א ווייניג יודיש רעזיטעל פון אַלטע צייטען; אויך די שטאַרק אַנטיסעמיטישער ווינער שטאָט־פאַרוואַלטונג מיידט אויס יודען ווי אַ מגפה.

די נאַציסטישע מגפה וואַקסט און דער יודישער קיבוץ ווערט פאַרגליווערט פון אינעווייניגער קנעכטשאַפט און דרויסענדיגען צוואַנג. מען טאָר נישט רעדען און מען טרויט זיך נישט צו שרייען, און עס פעהלען די פיהרער, וואָס וואָלטען געקאָנט נאָך ראַטעווען פון אומקום דעם יודישען קיבוץ פון עסטרייך.

ס'איז באמת א טרויעריגער און אַ טראַגישע גסיסה. (יט"א)

ווי אַזוי וועלען איינגעאָרדענט ווערען די יפו׳ער פּליטים

תל־אביב. אין צוזאַמענהאַנג מיטן נאָהענטען פונאַנדערלאָזען די לעצטע פּליטים־לאַגערן, האָבען די טוער פון דעם תל־אביב'ער קאָמיטעט פון דער אַקציע „עזרה והצרון" געמעלדעט, אַז איינגיכען ווערט מען 300 משפחות פון די פּליטים בעזעצען אויף קרן קימת באָדען, וואָס פאַרנעמט א שטח פון 350 דונאַם, די הייזער וועט מען אויפבויען ביי די קאָלאָניעס ראשון לציון, נחלת־יהודה, כפר־אהרן, תל־אשר, און אַנדערע. פאַר יעדער משפחה וועט מען אויפבויען א הויז פון 2 גרויסע צימערען מיט א טעראַסע א קיך און א באַדעצימער. חוץ דעם וועט צו יעדען הויז צוגעגעבען ווערען א שטיקעל באָדען, וואו מען וועט קענען פאַרזייען גרינס. דער גאַנצער פּלאַן וועט אָפּקאָסטען 50 טויזענד פונט. נאָר אַזוי ווי די פּליטים קענען נישט פאַרהאַן, וועט נאָר א טייל פון איהם פאַרווירקליכט ווערען, און אויך דער טייל וועט בעטרעפען קרוב 30 טויזענד פונט. דאָס גאַנצע געלד וועט מען צונויפקלויבען צווישען די פאַרמעגליכע יודען, וועלכע האָבען זיך ביז אַהער גאַנץ ווינציג בעטייליגט אין דער אַקציע „עזרה ובצרון".

אין א שטאָט פֿון נאַקעטע מענשען

זכרונות פֿון מיינע רייזעס מיט יודיש טעאַטער

מיר דרוקען דא א קאַפּיטעל פֿון די זעהר אינטערעסאַנטע ערא־נערונגען וועלכע דער בע־ריהמטער יודישער ארטיסט און טעאַטער־דירעקטאָר באָריס טאָמאַשעווסקי דרוקט אין ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס“ — פֿון זיינע רייזעס איבער דער גאַנצער וועלט מיט יודיש טעאַטער.

אין דעם קאַפּיטעל שילדערט ב. טאָמאַשעווסקי זיינעם א בעזוך אין דער פּאָרט־שטאָט באַרבאַדאָס, אויף די ענגלישע אַנטיל־אינזלען, אין צענטראַל־אַמעריקע.

ביים אַריינפֿאָהרען אין פּאָרט פֿון באַרבאַדאָס האָבען מיר פֿאַר זיך דערזעהען א העררליך בילד.

דאָס וואַסער איז קלאָר ווי קרישטאַל. מען קען זעהען יעדעס שטיינדעלע אויפֿ׳ן גרונד פֿון ים, פֿיש אין כלערליי פֿאַרבען, שווימען ארום און שטי־פּען, שפּרינגען ארויס פֿון וואַסער, ווי זיי וואָל־טען זיך וועלען בעגריסען פּערזענליך מיט די פּאַ־סאַזשירען, וועלכע שטעהען אויבען אויף דער שיף און בעוואונדערען זייערע רייכע קאָלירען און קיזע־לען אַז פֿון זייערע קוּבּצען.

פֿון צווישען די ריזיג־הויכע בערג זעהען זיך אַרויס קליינע הייזעלעך, בעדעקט מיט שטרוי, דער הימעל איז א וואונדער־שעהנער, אַזאַ הערליכער הימעל מיט אַזעלכע וואונדער־שעהנע פֿאַרבען האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהען. דער הימעל שפּי־געלט זיך אָב אין די שטילע ברעגען פֿון ים. וואָס נעהנטער די שיף שווימט צו צום פּאָרט, אַלץ אינ־טערעסאַנטער ווערט דער געגענד אַרום.

פֿון דער ווייטענס זעהען זיך אַ מאַסע מענשען מיט א הויט פֿון א קופּער־קאָליר. די מענשען שרייען, קוויטשען, ליאַרמען. וואָס זיי רעדען קען מען נישט הערען. עס הערען זיך בלויז ווילדע קולות.

מיין בעקאַנטער פֿון דער שטאָט אשכנזי, שטעהט נעבען מיר. ער זאָגט מיר, אַז די אַלע מענער, פֿרויען און קינדער, וועלכע שטעהען דאָר־טען ביים ברעג ים און מאַכען דעם ליאַרם, זענען נאַקעטע, אָבער טאַקע נאַקעטע, ווי אדם און חוה אין גן־עדן אַפֿילו אָהן פֿייגענבלאַט.

די שיף רוקט זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער צום ברעג, און דער ליאַרם הערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די ליאַרעמדיגע מאַסע מענשען זע־נען אַלע געווען אין שיפֿלעך.

מיטאַמאָל האָבען זיך אַלע אויפֿגעשטעלט אין זייערע שיפֿלעך און אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער מיט א געפּילדער און א געשריי, צווישען זיי האָ־בען זיך געפֿונען צעהן־ און צוועלף־יאָהריגע מייד־לעך. די פּאַסאַזשירען האָבען געוואָרפֿען אין ים אַריין מטבעות — צו 25, צעהן און פֿינף סענט. די עלטערע און די יונגערע האָבען זיך דאַמאָלס א לאָז געטאָן אונטערן וואַסער און אַרויסגעבראַכט פֿון גרונד די אַריינגעוואָרפֿענע מטבעות.

די שיף האָט זיך צום סוף אָפּגעשטעלט. די קווי־טשעריי, דער ליאַרם פֿון די נאַקעטע מענשען אין וואַסער איז געוואָרען נאָך שטאַרקער, ווילדער, עטליכע פֿון זיי האָבען גענומען טאַנצען און זינ־גען. עס איז זיי נישט גענוג געווען די געלד, וואָס

פֿון באָריס טאָמאַשעווסקי

די פּאַסאַזשירען האָבען פֿריהער אַריינגעוואָרפֿען, זיי האָבען געוואָלט נאָך געלד. זיי נעמען מאַכען אַלערליי ווילדע קונצען, די נאַקעטע פֿרויען און מענער, כדי די פּאַסאַזשירען אויפֿצורייצען. עטליכע פֿון די פֿרויען ווינקען פּשוט צו די פּאַסאַזשירען. אַז זיי זאָלען אַרונטערקומען צו זיי און אויפֿ׳ן וואַ[illegible] געבען זיי אָנצוהערענישען וועגען א „לעב טון“.

איך זעגען זיך מיט דער אשכנזי־פֿאַמיליע.

דער יודישער מיליאָנער ווייזט מיר א קליינעם בנין און זאָגט דערביי:

— איהר זעהט אָט דעם בנין? דאָרטען איז די יודישע שול. איך בין דער איינציגער, וואָס האַלט איהר אויס. אין שוהל קום איך בלויז איין מאָל אַ יאָהר, יום־כפּור.

ער בעט מיך, אַז ווען איך וועל פֿאָהרען פֿון אַר־גענטינאַ צוריק אין די פֿעראייניגטע שטאַטען, זאָל איך ווידער פֿאָהרען דורך באַרבאַדאָס און זאָל ביי איהם אָבשטייגען. איך קען זיין ביי איהם א גאַסט ווי לאַנג איך וועל נאָר וועלען. ער זאָגט מיר אויך צו, אַז ער וועט מיט זיין פֿאַמיליע פֿאָהרען קיין בוענאָס־איירעס, כדי צו זעהען מיינע פֿאָרשטע־לונגען דאָרטען.

מיר זענען אַרונטער פֿון דער שיף. מיר געהען איבער א גאַס; פֿון דער ווייטענס זעהט מען אַ קאַפֿע; איך און מיין זוהן הערי און צוויי פּאַסאַ־זשירען געהען אַריין אין דער קאַפֿע־הויז. דאָס איז געווען א שמוציגער פּלאַץ אָנגעריכערט, דער־שטיקט צו ווערען; אָנגעוואָרפֿען מיט שמאַטעס, פּאַפּיר און מיסט וואָס נישט? ביי טישלעך, וועלכע האָבען זיך קוים געהאַלטען אויף זייערע פֿיסלעך, זענען געווען אויסגעזעצט נאַקעטע געסט — מע־נער און פֿרויען, יונגע, עלטערע און גאָר אַלטע, עטליכע געסט שפּילען אין קאָרטען, אַנדערע — אין דאָמינאָ. אַלע רויכערען ליולקעס און אַלע זע־נען נאַקעט, ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט. די קעל־נערס זענען אויך נאַקעט. אָבער זיי טראָגען פֿאַר־טוכלעך. זייער גאַנצע נאַקעטקייט איז פֿערדעקט מיט אַ שמוציגען פֿאַרטוכל.

מיר זעצען זיך אַוועק און בעשטעלען עפּעס צו טרינקען. מען ברענגט אונז צו דעם געטראַנק אין שמוציגע גלעזער. מיר האָבען זיך צו דער משקה נישט צוגעריהרט. אַ פּאָר נאַקעטע שעהנהייטען בע־מען טאַנצען פֿאַר אונז ווילדע טענץ. נאַקעטע שוואַרצע כלי־זמרים צימבלען אויף אינסטרומענטען וואָס איך האָב נאָך אין מיין לעבען נישט געזעהן. אַלע ווײַלע קומען אָן אַנדערע נאַקעטע פֿרויען און טרעקען אויס זייערע הענט נאָך נדבות. די טענ־צערינס, די מוזיקאַנטען, אַלע בעטלען, און מען מוז געבען. איך ווייס נישט צי מען גיט פֿון רחמנות, צי צוליב די איבעראַשענדיגע נאַקעטקייטען, אָבער מען גיט מטבעות — אַלע גיבען. ארום דער קאַ־פֿע, ביז די טירען, ביי די פֿענסטער.

* * *

מיר זענען אוועק פֿון דעם קאַפֿע־הויז פֿערשאַ־דעטע פֿונ׳ם ריח, רויך און טומעל, מיר האָבען זיך געלאָזען געהן צו דער שוהל, וואָס אשכנזי האָט מיר אָנגעוויזען.

אויף א בערגעל, צווישען קליינע הייזלעך, שטעהט א קליין מוירעל, וואָס איז ענהליך צו אַ היימישער שוהל. אויף דער טיר איז אויסגעמאָלען א מגן־דוד, מיר ווילען אַריינגעהען אינעווייניג, אָבער די טיר איז פֿערשלאָסען. לעבען דער שוהל געפֿינט זיך א קליינער יודישער אַלטער בית־עלמין. די זעהר אַלטע מצבות זענען א סימן, אַז דאָ האָבען געלעבט יודען מיט אַ סך, אַ סך יאָה־רען צוריק. די מצבות זענען כמעט אַלע צובראָ־כענע און די בוכשטאַבען אויף זיי — אָבגעריבענע.

מיר ווילען שוין אוועקגעהען. פּלוצלינג קומט אַרויס פֿון א קליין נידריג שטיבעל א נאַקעטע פֿרוי, וועלכע האָט גערעדט אַביסעל ענגליש. זי פֿרעגט אונז, צי מיר ווילען אָנקוקען די שוהל, מיר זאָגען איהר, אַז יאָ. זי עפֿענט די שווערע טיר מיט א גרויסען שליסעל, און אָט זענען מיר, שוין אינעווייניג. א קליין שוהלעכל. אַנ׳ערך זעכ־ציג מענשען קענען זיך דאָרטען אויסזעצען אויף די פּליושענע בענק. געגענאיבער דעם ארון־קודש געפֿינט זיך א קליינע גאַלעריע — די ווייבערשע שוהל. איבער דעם ארון־קודש הענגט א זיידענער פּרוכת אויסגעהאַפֿטען מיט גאָלדענע בוכשטאַ־בען. אויפֿ׳ן עמוד ליגט א גרויסער אַלטער מחזור איבער׳ן עמוד ברענט א גרויס וואַקסען ליכט.

די נאַקעטע פֿרוי זאָגט אונז, אַז זי איז די שמשטע, אַז זי גיט אכטונג אויף דער שוהל, און די שוהל איז טאַקע געווען זעהר ציכטיג. ריין.

איז חלום האָט מען איהם געהייסען חתונה האָבען מיט א יודיש מיידעל אין פּאַריז

ער וועט אָבער מוזען זיך מגייר זיין

פּאַריז. געקומען צום פּאַריזער רב זענען זיי ביידע: ער און זי. ביידע יונגע, געזונטע, אָ־בער מיט פֿערטרויערטע פּנימער.

דער רב האָט זיי אָנגעקוקט, געווען זיכער, אַז ס׳איז א יודיש פּאָר־פֿאָלק און האָט געפֿרעגט:

— מיט וואָס קען איך אייך דינען?

דערויף איז דער יונגערמאַן אַרויס מיט פֿראַנ־צויזיש לשון:

— איך בין גרייט צו בעצאָהלען וויפֿיל איהר וועט נאָר וועלען, נאָר שטעלט אונז א חופּה...

אַזוי גיך געהט עס, פֿערשטעהט זיך, נישט. דער רב איז געווען נייגעריג און האָט באַלד פֿעסט־געשטעלט, אַז דאָס מיידעל איז טאַקע א יודיש קינד, אָבער דער „חתן וואָס געהט אויס פֿאַר איהר“, איז אַ קריסט.

— צי האָסטו שוין בעזאָרגט דאָס מגייר זיין זיך? — האָט געפֿרעגט דער רב.

ווייסט זיך אַרויס, אַז דער יונגערמאַן ווייסט יאָ וואָס דאָס בעדייט מגייר זיין זיך, אָבער ער קען עס נישט טון, ווייל זיינע עלטערן זענען נישט מסכים דערויף.

דער יונגערמאַן האָט זיך בעקענט זייט א גע־ווייסער צייט מיט׳ן יודישען מיידעל און זיך פֿער־ליבט. זיי ווילען חתונה האָבען. אָבער די עלטע־רען פֿון מיידעל ווילען, ער זאָל צוערשט ווע־רען א יוד. די עלטערען פֿון חתן זאָגען אָבער: מיט א יודיש מיידעל — יאָ, אָבער ווערען א יוד — דאָס נישט“.

דער רב האָט בעדויערט און אָבגעזאָגט. דער יונגערמאַן האָט נישט נאָכגעגעבען: ער מוז מיט איהר חתונה האָבען... אָהן איהר קען ער נישט לעבען...

— וואָס עפּעס מיט א יודיש מיידעל?

דאָ דערצעהלט דער פֿראַנצויזישער יונגערמאַן אַזאַ מין געשיכטע:

שוין זייט א לענגערער צייט חלומט זיך איהם עפּעס א חלום, און אין חלום הייסט איהם אַנ׳־אונבעקאַנטער צו בויען זיין צוקונפֿט מיט א יו־דישער טאָכטער..

דער רב האָט געשמייכעלט, האָט געהאַלטען די מעשה פֿאַר אַן אויסטראַכטעניש און האָט, לפֿנים וועגען, אַ פֿרעג געטאָן:

— צי זענען דאָ יודען אין אייער משפּחה?

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער יונגערמאַן האָט גע־האַט א יודישען זיידען. דער פֿאָטער פֿון זיין מו־טער איז געווען אַ יוד.

דאָס האָט איהם זיין מוטער פֿערטרויט, אָבער קיין אכט דערויף האָט ער קיינמאָל נישט געלעגט.

דער רב האָט ווידעראַמאָל אַרויסגענומען די זאַך אויפֿ׳ן טיש, האָט שטאַרק דעם יונגענמאַן אָבגע־רעדט פֿון גאַנצען ענין און אַז יענער איז פֿערבלי־בען פֿער׳עקשנט, האָט ער איהם געעצה׳ט נאָר, אַז ער זאָל זיך מגייר זיין...

צי וועט דער יונגערמאַן ברעכען די האַרטנע־קיגקייט פֿון זיינע עלטערן?

דאָס מיידעל איז יעדענפֿאַלס אוועק פֿון רב מיט א שטראַהלענד פּנים. זי איז זיכער, אַז יאָ...

א. ריוועס / תל־אביב

תאוה

(דערציילונג פֿון ארץ־ישראל לעבען)

(סוף)

זייט דער זעכצעהן יאָהריגער צאַלאַח האָט אָנ־געהויבען קומען אין תל־אביב איז ער אינגאַנצען פֿערוישט געוואָרען ווי פֿון וויין. אַזוי פֿיל פֿרויען מיט אָפּגעדעקטע פּנימער, מיט נאַקעטע הענד און העל־זער. עס האָט איהם געצויגען ווי מיט א מאַגנעט צו דער ליכטיגער תל־אביב. די פֿינסטערע ענגע יפֿו׳ער געסלעך מיט די אויסגעלאָשענע פֿערקלאַפּ־טע הייזער האָבען איהם געטריבען פֿון זיך. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער די לאַנגע גאַסען און נישט געוואוסט פֿריהער וואו די אויגען צו וואַרפֿען, די ברייטע שוואַרצע הויזאַלעס [illegible] זיך געפֿאַלדעט ווען אויף איהם מיט טויזענטער [illegible] זיך פֿערלאָפֿען אויפֿ׳ן הינטער [illegible] אין א ריהרעווריגען עק — עס האָט זיך געשאָקעלט ביים גיין רעכטס־לינקס, ווי דער עק ביי א שעפּס, א צעוואַרעמטער, א פֿערשוויצטער מיט א שפּיציק וואַלענער יאַרמולקע אויפֿ׳ן קאָפּ, האָט ער פֿאַראַדירט צווישען דעם המון שפּאַצירענדע אייראָפּעער. די עלעקטרישע רעקלאַ־מעס אין ריזיגע שוי־פֿענסטער האָבען איהם גע־בלענדעט און צעטומעלט, פֿון די שוי־פֿענסטער האָבען צו איהם געוואונקען און געשמייכעלט אַזוי פֿיל עלעגאַנטע מאַנעקענס מיט נאַקעטע פֿ[illegible] אין די הענט אַזוי פֿיין פֿערלייגט אויף דער טאַליע; מיט אַמאָל האָט איהם צוגעצויגען א קינאָ־רעקלאַמע: אַזאַ גרינע ליכט האָט זיך בעגאָסען אַראָפּ און אַרויף איבער א ריזיגער וואַנט, צוויי מגושמדיגע קעפּ, א מאַן און א פֿרוי, אויסגעשניטען פֿון קאָלירטען קאַרטאָן, האָבען זיך געקושט אין די ליפּען.

אין איין רגע איז ער מיט א בילעט אין האַנט שוין געווען אינעווייניג.

עס איז פֿינסטער געוואָרען. גרילצענדיגע קלאַ־גען האָבען זיך הייזעריג צעקלונגען איבער׳ן גרויסען זאַל. מיט א ווילדען גאַלאָפּ האָבען רייטער אויף פֿערד געיאָגט זיך אויפֿ׳ן ווייסען לייוונט. מיטאַ־מאָל גיט זיך א פּעריציה א טונקעלער שאָטען און שוין יאָגען זיך אין אַ ווילדער הוזשעריי מאָטאָר־שיפֿלעך איבער א צעכוואַליעטען אשיגען ים. צאַ־לאַח האָט געפֿינטעלט מיט די אויגען, נישט קע־נענדיג כאַפּען די שנעלקייט ווי עס בייטען זיך די בילדער — און דאָ האָט איהם געבייצט אויף א ענטקעגענדיגען בענקעל א דיקע פֿרוי, דער טיפֿער אויסשניט פֿון איהר בעלייבטער פּלייצע האָט איהם אַרויסגעבראַכט פֿון די כלים, עס איז איהם הייס געוואָרען אין ברוסט — און דאָ אויפֿ׳ן לייוונט זעהט ער ווידער האַלב נאַקעטע טענצערינס הייבען די געשמאַקטע פֿיס. די אויגען זיינע האָבען געברענט, איינגעפּרעסט זיך אין דעם נאַקעטען אויסשניט פֿון דער ענטקעגענדיגער פּלייצע: ער האָט געפֿיהלט אַז ער וואַקסט אַריבער דעם בענקעל. עס איז ליכ־טיג געוואָרען אויפֿ׳ן זאַל. ער איז מיט בלייערנע פֿיס אַרויס אָפּפֿרישען זיך אויף דער פֿרייער לופֿט.

צאַלאַח האָט זעלטענער אָנגעהויבען צו קומען אויף דער שטיינערנער ראַמפּע ביים פּאָרט, פֿון וואַנען ער האָט געקענט אַזוי אייפֿערדיג טראַכטען פֿון די שיינע פֿרויען און פֿאַנטאַזיעס, וואָס מען קען זעהען אין דער נאָהענטער יודישער שטאָט. שיפֿען זענען אָנגעקומען אין די גרינע וואַסערען, שיפֿען זענען אָפּגעפֿאָהרען לאַנגזאַם אויף דעם בלויען הימעל שוואַרצע קנוילען רויך. די האַלב־נאַקעטע פּאָרט־אַרבייטער האָבען נישט אויפֿגע־הערט צו שלעפּען אויף זיך אין די טיפֿע וואַסערען שווערע לאַדונגען צו דער יבשה. האָט ער נאָר א פֿרייע צייט — וואַנדערט ער שוין איבער די ציכ־טיגע יודישע גאַסען ווי א תושב. עפּעס איז אין איהם פֿאָרגעקומען אַנ׳ענדערונג, ער דערקענט נישט אַליין די אייגענע שטים — אַזוי גראָבלעך ווי ביי א דערוואַקסענעם מאַן. די פּלייצעס שניידען זיך אין דער ברייט, אין זיין צעוואַקסענעם רייפֿען גוף האָבען זיך צונויפֿגעזאַמעלט אַזוי פֿיל באַגערען און גלוסטונגען — זיי שפּאַרען פֿון די בליטען, פֿון ברוינעם לייב. ער איז אַרומגעגאַנגען כמעט ווי שטום איבער די פֿריידיגע גאַסען, נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדען א וואָרט. פֿון דערווייטען ביי אַ סוף גאַס האָט ער דעם ים דערזעהען. דאָס בלויע וואַסער האָט איהם געצויגען, גערופֿען צו זיך.

א נייע וועלט האָט זיך פֿאַר איהם ענטפּלעקט. דער גאַנצער זאַמדיגער ברעג איז בעזייט מיט האַלב נאַקעטע מענער און פֿרויען. רויטע, בלויע, געלע, גרינע קאָלירען שווינדלען איהם פֿאַר די אויגען. אַלץ טראָגט אויף זיך אָנגעצויגענע באָד־קאָסט־יומען. די בולטקייט פֿון די פֿרויען־גלידער האָט צאַלאַח׳ן געשיכורט אין ברוסט, ער האָט דערפֿילט א שווערקייט אין די פֿיס. דאָס האַרץ האָט זיך ביי איהם געוויגט ווי אַ געוויכט. דער ים איז געפֿאַלען, גערוישט, און יעדער כוואַליע האָט [illegible] ברעג מיט א צעקלונגענעם ווייסען שוים, עס האָט אָפּגעהילכט ווייט אַרום א רוישיג עכאָ ווי פֿון זילבערנע טאַצען.

צאַלאַח האָט דערפֿיהלט ווי דער ים רופֿט איהם, צו זיך, די כוואַליעס יאָגען און מאָנען. דער יאַריד פֿון נאַקעטע לייבער האָט איהם געשווינדלט אין די אויגען, ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דעם גליהיגען זאַמד, דאָס לייב האָט געברענט, גע־[illegible], ער האָט [illegible] געזעהן [illegible] א נאַקעטער אין א פּאָר [illegible] איהם אַזוי פֿיל נאַקעטע פֿרויען פֿיס. אָפּגעדעקטע לייבער, דער בראָנזענער גוף זיינער האָט געגליהט ווי א קאַלכאָווען. ער האָט מיט א משוגעדיגען אימפּעט אויפֿגעריסען זיך פֿון אָרט און מיט עטליכע שפּרונגען אַריינגעוואָרפֿען זיך אין די רוישיגע כוואַליעס. —

אביסעל א אָפּגעפֿרישטער אין דעם ימ׳ישען קאָך — האָט ער זיך מיט אַמאָל דערזעהען אַזוי נאָהענט, פּנים אל פּנים מיט נאַקעטע פֿרויען. זיינע הענט האָבען געבריהט אין וואַסער, זיי האָבען גע־חלשט נאָך בעריהרונג, דאָס האַרץ. האָט זיך געוויגט האַסטיגער, שטאַרקער. און דער ווילדער רויש פֿון די אַנטלויפֿענדיגע כוואַליעס האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך די כסדר׳דיגע קוויטשערייען פֿון די באָדערס.

אָט זעהט ער צאַלאַח ווי א יונגערמאַן ציהט נאָך זיך א פֿולברוסטיג מיידעל טיפֿער אין ים, צאַלאַח זעהט ווי זי שרעקט זיך.

— אָבער, זאָשע, האָב נישט מורא, טפּשת,

— לאָזט נישט דער יונגערמאַן אָפּ איהר האַנט — ווייטער אין ים איז בעסער.

— איך האָב מורא! — פּיעשטשעט זי זיך מיט [illegible].

צאַלאַח פֿיהלט ווי ער וואָלט דאָס שיינע מיידעל אוועקגעטראָגען ווייט, ווייט אין דעם ים, ער קען אָבער נישט רעדען, ער איז שטום ווי א פֿיש, ער [illegible] אַלעמאָל אַרויס א ווילדען קלאַנג. פֿון דער ברוסט און דרייט זיך איבער א קאָזשעליק אין דעם צעשויבענעם אויפֿגעשטורעמטען וואַסער. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט א היסטערישער קוויטש פֿון דעם דערקוויקענדיגען מיידעל.

— הא, וואָס איז?

— מען טרינקט זיך!

— ווער טרינקט זיך?

נאַסע קערפּער מיט אָפֿענע מיילער האָבען גע־שוויגען.

— אַ פֿיש!

— אַ וואַלפֿיש האָט פֿערבלאָנדזשעט:

— א מיידעל האָט געקריגען א ביס!

אין איין רגע האָבען זיך צונויפֿגעלאָפֿען א קופּע נאַקעטע קערפּער אַרום דעם פּאָרל. דאָס מיידעל איז געלעגען אין יונגענמאַנס אָרעמס און געהעשצעט.

— וואָסער ביס, וואָסער פֿיש? — האָט אַנ׳אַל־טער יוד מיט א גרויע נאַסער באָרד אַריינגערעדט אין א בעלייבטער יודענע מיט א פּאָר ריזיג גרויסע אָרעמס — וואָס בעבען זיי דאָרטען?

— איהר האָט געהערט א קוויטש? — האָט די יודענע אַרויסגעלייגט א פּאָר ידים אויפֿ׳ן אויסגע־בעטען בוזים — עס איז מיר שיעור דאָס האַרץ אַרויסגעפֿאַלען.

— איהר הערט דאָך דיבורים — האָט זיך [illegible] געמישט א דאַר גופ׳ל א בעוואַקסענס מיט אַ קרענק־ליכען פּליך אויפֿ׳ן קאָפּ — פֿון נאָז האָט איהם גע־קאַפּעט מאַראָפּענס געזאַלצען וואַסער — עפּעס איינער האָט איהר אַרומגעכאַפּט פֿאַר די פֿיס.

אַ ריזיגע כוואַליע האָט אַלעמען אין דער רגע איבערגעדעקט מיט רעש.

— דאָס איז ער!

— אַנ׳אַ־אַבער! — האָט מען אָנגעהויבען טיי־לען מיט הענט — אַ בענומעניש!

— חבורה, יאַללאַ, לאַמיר איהם כאַפּען!

חבורה שווימער האָבען אָנגעהויבען צו לייגען קלאַפּטער. צאַלאַח האָט דערפֿיהלט ווי מ׳האָט איהם דערטאַפּט, עס האָט אין איהם אויפֿגעוואַכט אַנ׳אימפּעט פֿון א ים־טייוועל — ער האָט גין אין וואַרף, זיך אַריינגעטויכט אין דער טיף פֿון וואַסער און אַרויסגעקומען הערט ווייט פֿון דעם צעשריגע־נעם מענשען געטומעל. חבורה יונגען האָבען גע־לייגט האַסטיגער קלאַפּטער, געוואָלט איהם פֿערצאַ־מען דעם שטח — אָבער צאַלאַח איז אַראָפּ אין דער טיף און געשוואומען אקראָבאַטיש ווי א פֿיש, ער האָט מיט אָפֿענע אויגען געמאַכט זיך א וועג אין גרינעם געזאַלצענעם וואַסער. יעדע פּאָר רעגע האָט ער זיך אויפֿגעהויבען אויף דער פֿלאַך פֿון די כוואַליעס, אַריינגעצויגען מיט די לונגען לופֿט — ער האָט זיך געשניטען צו דרום. דער ברעג מיט די נאַקעטע קערפּער האָבען אָנגעהויבען צו ווערען קלענער, קלענער. ער האָט זיך פּלוצלונג דערזעהן איינער אַליין אין דער ווייט פֿון ים אָפּגעזונדערט פֿון מענשען, פֿון לעבען, הימעל און וואַסער האָבען זיך צונויפֿגעגאָסען אין איינס, אין בלויע איבער איהם האָבען זיך געקרייזט אין רעדלעך ווייסע ים פֿויגעל. ער האָט זיך בעשניטען אויף די כוואַליעס אין דער ריכטונג צו יפֿו.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

מאנטאג, 26 אקטאבער
י' מרחשון תרצז

זון-אונטערגאנג 4.11
זון-אויפגאנג 7.25

ביז'ן 31 ד. ח. דארף מען איינצאהלען דעם לאקאל-שטייער
פאר'ן דריטען קווארטאל

(א) ביז'ן 31 ד. ח. קאן מען צאהלען די ראטע פאר'ן 3-טען קווארטעל אהן פראצענט.

כדי אויסצומיידען דאס צאהלען פון פערשידענע קאסטען און פראצענטען דארף מען צאהלען די איבענדערמאנטע ראטע ביז'ן 31 ד. ח.

אנהויבענדיג פון קומענדיגען ח'דש, וועט דער פינאנץ-אמט צושטעלען אויפצומאהנען דעם שטייער מיט קאסטען.

יאהרגאנג 1916

הײנט מאנטאג, דעם 26 אקטאבער דארפען זיך שטעלען די יאהר-גענג פון 1916, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 4-טן פאליציי-קאמיסאריאט מיט די אותיות:

F, G, H, Ch

און פון 10-טען קאמיסאריאט מיט די אותיות:

R, S, Sz, T, U, W, Z, Ź, Ż.

מארגען, דינסטאג דעם 27 אקטאבער דארפען זיך שטעלען אין 4-טען קאמיסאריאט מיט די אותיות:

I, J, K

און פון 11טען קאמיסאריאט מיט די אותיות:

A, B, C, D, E, F.

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע

מיטוואך, ד. 28-טען הויבט אן אמטירען די פאבאר-קאמיסיע אין לאקאל (פיעטריקאווער 165). מעלדען דארפען זיך די פאבאראווצעס פון יאהרגאנג 1915 און עלטערע, וואס האבען נאך נישט ערלעדיגט זייער מיליטער-אנגעהעריגקייט, וואס וואוינען פון 1, 4, 6, 7, 10, 13, 14 15. פאליציי-קאמיסאריאטען.

„אפשפארונגס-טאג"

(א) אינעם בנין פון דער פאלקסשול אויף דער ראקיטשינער 41 איז פארגעקומען א זיצונג פון ארגאניזירונגס - קאמיטעט פונם יעהרליכען אפשפארונגסטאג.

עס איז אויסגעארבייט געווארען א נעגויער פלאן פונם „אפשפארונגס-טאג", וועלכער פאלט אויס היים 31-טען ד.ח.

אין דעם דאזיגען פראיעקט איז בפרטיות פאר-אויסגעזעהען די אפשפארונגס-פראפאגאנדע צווישען דער שול-יוגענד, און צו דעם צוועק וועלען אין אלע שולען איינגעארדענט ווערען ספעציעלע שמועסען א.ד.ג. פון שפארזאמקייט.

אפשיד מיט'ן וויצע-פרעזעס מאסקווע

(א) א גרופע ריכטער און פראקוראָרען האבען געזעגענט אין קלוב זייער לאנגיעהריגען מיט-ארבייטער און קאלעגע וויצע-פרעזעס פון לאדזער קרייז-געריכט ה' יאן מאסקווע.

וויצע-פרעזעס מאסקווע נעהמט איבער א נאטאריאט אין לעמבערג. אין געריכט-וועזען האט ריכטער מאסקווע געארבייט 24 יאהר, א חוץ דעם האט ער געארבייט געזעלשאפטליך און ספעציעל אין דער ארגאניזאציע פון די „סטשעלצעס".

ZACHĘTA
זגערזשער 26
היינט און אלע טעג!
דאפעלטער פראגראם:
1) מעכטיגע דראמע א. ט.
MARIA
BASZKIRCEW
אין די הויפט-ראלען:
LILI DARVAS, Hans JARAY
SZOKE SZAKAL
2) פרעכטיגע קאמעדיע אונטער'ן נאמען
„היינט אווענט ביי מיר"
אנהויב טעגליך 4 א זייגער נאכמיטאג,
שבת און זונטאג — 12 א זייגער בייטאג.

היינט — א זיצונג פון דער קהלה'שער וואהל-קאמיסיע
צו בעשטעטיגען אדער פסל'ען ליסטעס

היינט אין אווענד קומט פאר א זיצונג פון דער קהלה'שער וואהל-קאמיסיע, אויף וועלכער ס'וועלען בעטראכט ווערען די אריינגעטראגענע קאנדידאטען-ליסטעס צו די קהלה-וואהלען. ווי בעקאנט האט די קאמיסיע שוין גע'פסל'ט 9 פון די אריינגעטראגענע ליסטעס, וועלכע זענען געווען פיקטיווע.

לויט'ן וואהל-קאלענדאר מוז די קאמיסיע היינט אננעהמען בעשלוסען וועגען אלע אריינגעטראגענע ליסטעס, זיי בעשטעטיגען אדער אפווארפען.

די קהלה-קאנצעלאריע האט שוין פערטיג געמאכט צום דרוק פלאקאטען וועלכע דעם טאג און ארט פון די וואהלען, די דאזיגע פלאקאטען וועלען אויסגעהאנגען ווערען אין דער שטאט היינטיגע מיטוואך דעם 28 ד. ח.

בעזוך אין ניי-אויפגעבויטע שול-בנין
פון דער געזעלשאפט פאר יודישע שולען

דער קאמיטעט צו בויען שול-בנינים פאר דער געזעלשאפט פון יודישע שולען אין לאדז (יודישע גימנאזיעס) האט נעכטען איינגעלאדען א גרויסע צאהל געסט כדי צו בעזוכען דעם ניי-אויפגעבויטען ערשטען שול-בנין אויף אנשטאטא 7 — וועלכער איז שוין דערפיהרט געווארען ביז אונטערן דאך.

צו דעם דאזיגען בעזוך איז געקומען א גרויסער עולם פון געזעלשאפטליכע טוער דירעקטארען פון די יודישע גימנאזיעס, עלטערען פון די קינדער אין אלע דריי גימנאזיעס און מנדבים פאר דעם אויפבוי פון דעם בנין.

דער פארזיצער פון דער געזעלשאפט דר. מ. ברוידע האט בעגריסט די געסט אין נאמען פון בוי-קאמיטעט און דאן האט ה' אינזש. שטרעשעווסקי ארומגעפיהרט די בעזוכער און געגעבען ערקלערונגען וועגען די בעשטימונגען פון פערשידענע זאלען און איינריכטונגען.

דער בנין וועלכער שטעהט אויף א פרעכטיגען אונגעהייער גרויסען פלאץ וועלכער איז דאס אייגענטום פון דער געזעלשאפט, מאכט אנ'אימפאזאנטען איינדרוק, דער בנין אנטהאלט 4 שטאק, וואו ס'געפינען זיך אויסער די גרויסע, זוניגע, ליכטיגע און שיינע שול-קלאסען, אלע איינריכטונגען, וועלכע ס'פארלאנגט די מאדערנע פעדאגאגיק און היגיענע. אזוי געפינט זיך דארט א הערליכער 15-מעטערדיגער שול-זאל, ספעציעלע זאלען פאר צייכענען מיט א גלעזערנער דאך פאר אויבערער ליכט, ספעציעל-צוגעפאסטע זאלען פאר שול-ארבייטען, פיזישער קאבינעט, ארכיוו, דירעקציע, לעהרער-קאבינעט, הילפס-צימערען, ביבליאטעק, א.א.וו.

אויפן דאך איז איינגעארדענט געווארען א הערליכער טעראס און נאך העכער אנ'אבסערוואטאריע. ברייטע ליכטיגע קארידארען, בופעט-צימער, גארדעראבעס, צענטראל-בעהייצונג און בכלל אלץ וואס מ'קאן פערלאנגען פון א העכסט - מאדערנעם שול-בנין.

דער גימנאסטישער זאל וועט איינגעארדענט ווערען אין א ספעציעל-צוגעבויטען בנין. די געסט האבען בעוואונדערט דעם אימפאזאנטען קולטור-בנין, וועלכער איז אויסגעוואקסען דורך די בעמיהונגען פון דעם בוי-קאמיטעט. איצט דארף דער בנין אינערליך איינגעארדענט ווערען און דער קאמיטעט האפט אויף דער ווייטערדיגער אפפערוויליגקייט פון דער יודישער געזעלשאפט וועלכע וועט העלפען אז דער פרעכטיגער בנין זאל קענען ווי אמגיכסטען איבערגעגעבען ווערען די יודישע קינדער צו פערפולקאמען זייער אלגעמיינע און יודישע בילדונג.

„בלינדער מאקס" וויל דערווייזען,
אז ער איז נישט געווען קיין פאליציי-קאנפידענט

(ז) ווי מען דערוויסט זיך, האט מאקס בארנשטיין (דער „בלינדער מאקס" וועלכער זיצט לעצטענס אין דער פעטריקאווער תפיסה, ערב'ן פראצעס פון געוו. געהילפס - אינספעקטאר נאסעק געהאלטען אין איין שרייבען ביטעס צו דער געריכטס-מאכט, אז מ'זאל איהם ארויסרופען אלס עדות אויפן פראצעס איבער לאדזער קרייז-געריכט.

די דאזיגע ביטעס זענען נישט גענומען געווארען אין בעטראכט, ווייל מען האט בעשלאסען זיינע דערקלערונגען פארצולייענען בעת די געריכטס-פערהאנדלונגען.

אזוי-ווי אויף נאסעקס פראצעס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער „בלינדער מאקס" איז געווען א פאליציי-קאנפידענט איז איצט זיין „מארקע" שטארק געפאלען סיי ביי דער אונטערוועלט אין דרויסען און סיי ביי די „חברים"-ארעסטאנטען...

ער האט איצט דעריבער ארויסגעשיקט א טעלהעריג מאטיווירטע ביטע צום אפעלאציע-געריכט אין ווארשע מיט א פאדערונג, אז מ'זאל איהם ארויסרופען צום אפעלאציע פראצעס, ווייל ער וויל איבערגעבען א רייהע נאך אומבעקאנטע איינצעלהייטען און אנטפלעקען דערפון ריינוואשען זיך פונם פארווארף אז ער האט מיטגעארבייט מיט דער פאליציי, אלס קאנפידענט.

א שאס אינ'ם באר „אויטאמאט"
אומפארזיכטיגער פעלדשער האט פערוואונדעט א יונגענטאן

(א) אין באר „אויטאמאט" אויף פעטריקאווער 63 האט פאסירט פאלגענדער טראגישער פאל:

דער פעלדשער תאמאז עפארט פון לעגיאנען-גאס 65 איז געשטאנען אין בופעט פונם באר און נאכעסען געהאט געוואלט ארויסצונעמען פון דער הויזען-קעשענע זיין פארטמאנע. אין דער טאש איז אויך געלעגען אנ'אנגעלאדענער רעוואלווער, וועלכען ער האט ארויסגענומען פריהער.

דער רעוואלווער האט על פי צופאל אויסגעשאסען און די קויל האט געטראפען דעם דערנעבען ביי שטייענדיגען זדזשיסלאוו בזשעזשינסקי אין פנים, וועלכער איז אנידערגעפאלען, בעגאסענדיג זיך מיט בלוט.

אינעם באר איז ענטשטאנען א מהומה.

מ'האט ארויסגערופען פאגאטאוויע, וועלכע האט געטיילט ערשטע הילף דעם פערוואונדעטען, און איהם אין א שווערען צושטאנד אפגעפיהרט אין שפיטאל.

פאליציי האט פעראורדענט אנ'אויספארשונג און דעם פעלדשער דערווייל פערהאלטען.

טרויער-אקאדעמיע צום אנדענק פון אומגעקומענעם יעקב גליצענשטיין

שבת אין אווענט איז אין איינעם לאקאל פון ראד-פעטרקעוור פעראיין, פילסודסקיעגא 43 פארגעקומען א פייערליכע טרויער-אקאדעמיע לכבוד דעם טראגיש-אומגעקומענעם יעקב גליצענשטיין.

אין פרעזידיום זענען געווען פערטרעטען אדוו. ווייצמאן, דאקטאר גלאטמאן, פ. כאזי, פרעזעס יוזעף פאוויטש, און א. גראסמאן.

דער פרעזעס גראסמאן, האט געעפענט די טרויער אקאדעמיע און געשילדערט דעם טראגיש - אומגעקומענעם. אויף זיין פארשלאג זענען אלע פערזאממעלטע אויפגעשטאנען פון די ערטער.

דער חזן פון דער ווילקער שוהל ה' לייב ראסקין מיטן כאר האבען געזונגען עטליכע קאפיטלעך תהלים נאך די תפילות האט דער יונגסטער זוהן פון טראגיש אומגעקומענעם געזאגט קדיש.

נאכדעם האט אדוו. ווייצמאן געהאלטען א ריהרענדע טרויער-רעדע און ער איז בעעהרט געווארען מיטן אפהילען גליצענשטיינס בילד.

ווייטער האט חזר עלטסטער ברודער פון קדוש, משה גליצענשטיין, געהאלטען א הספד.

בעת די רעדעס האט מען געהערט צווישען די פערזאמעלטע טעוויינען. טער דעם האט דער פרעזעס גראסמאן געגעבען אויפן נאמען פון נפטר א גמילת-חסדים קאסע, און האט פארגעלייענט אלע פערזאמעלטע אנטייל צו נעהמען אין דער שאפונג פון דער גמילת חסדים קאסע אויפן נאמען פון קדוש.

באלד האבען זיך איינגעשריבען אלס די ערשטע די פאמיליע גליצענשטיין 100 זל. אדוו. ווייצמאן — 50 זל. וויצע - פרעזעס יאקיש — 20 זל. נ. מעלער — 20 זל. מ. גליצענשטיין — 15 זל. ש. גליצענשטיין — 20 זל. א. מילראד — 10 זל. בליצבלוי — 5 זל. ר. ווייגבאם — 5 זל. אורבאך און שיינערט — 15 זל. קאשע — 10 זל. מ. טורטער — 15 זל. צוזאמען א סומע פון 285 זלאטעס.

טעאטער „ראזמיטאשטשי" ציגעל-גאס 27, טעל. 112-25
דיר.: דוד צעלמייסטער
גאסטשפילן פון „יונגע בינע" (יונג-טעאטער)
קינסטל. לייט.: ד"ר מיכאל בראנדט.
צוליב'ן געוואלדיגען ערפאלג אונאפרופליך די לעצטע 3 טעג ביז מיטוואך איינשליסליך
צו ספעציעל-ביליגע פרייזן פון 54 גר. ביז 1.30 זל.
„מיסיסיפי"
היינט, מאנטאג, 9 אווענט
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון טעאטער.

קאנסטיטואירענדע זיצונג פון דער צייטווייליגער קאמיסיע
צו שאפען א צענטראלע פון אלע סוחרים און קליינהענדלער פעראיינען אין לאדז

נעכטען איז אין לאקאל פון קאלאניאל הענדלער פערבאנד שרודמיעסקי 20 אונטער דעם פארזיץ פון אדוו. א. צימערמאן, פארגעקומען די ערשטע קאנסטיטואירענדע זיצונג פון די פארשטעהער פון אלע לאדזער סוחרים און קליינהענדלער ארגאניזאציעס, נאך אלגעמיינע דיסקוסיע איז אויסגעוועהלט געווארען א צייטווייליגע פערוואלטונג פון דער צוקונפטיגער צענטראלע, גלייכצייטיג 4 קאמיסיעס (א יורידישע, פינאנציעלע, פראפאגאנדע און רעוויזיע-קאמיסיע) ווי אויך א סעקרעטאריאט.

נייע אויסשטעלונג אין דער שטאטישער גאלעריע

(א) אין דער שטאטישער קונסט-גאלעריע (שיענקיעוויטש-פארק) איז נעכטען פייערליך געעפענט געווארען א בילדער-אויסשטעלונג, איינגעארדענט דורכ'ן „איפס".

צו דער דערעפנונג זענען געקומען פארשטעהער פון דער מאכט און פון דער קינסטלער-וועלט.

בסך הכל זענען אויסגעשטעלט געווארען 221 בילדער.

אפטייקען.
היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאכט דיזשורירען: ל. שטאפשאל (לימאנאווסקיעגא 37), ש. יאנקעלעוויטש (אלטער מארק 9), ט. סטאניעלעוויטש (פאמארסקא 91), א. זארקאווסקי (זאוואדזקא 45), ב. גלוכאווסקי (נארוטאוויטשא 6), ס. האמבורג (גלובנא 50), ל. פאוולאווסקי (פעטריקאווער 307).

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07
ספעציאל-ארצט פאר מענער - שוואכע-בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אווענט.
זונטאג פון 9—1 פארמיטאג
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען

Dr.
Wołkowyski
ציגעל-גאס 11, טעל. 238-02
ספעצ. פאר טריפער. סיפילים און הויט-קראנקה. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע
נעמט אן פון 8—11 בייטאג און 4—9 אווענט

פון שטאַטישען געריכט

דער לאָדזער יודישער לאָקאַטאָרען - פערא"ין האָט דורכגעפיהרט אין שטאָטישען געריכט פאָלגענדע צוויי כאַראַקטעריסטישע לאָקאַטאָרען־פּראָצעסען:

כ'וועל דיך גיכער דער'הרג'ענען, איידער מאַכען דעם רעמאָנט!

בעריש ה. וואוינט שוין אַ ריי יאָהרען אין הויז פון יחיאל ג.

דירה־געלד צאָהלט ער איהם רעגולער אָבער אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט דער ווירט נאָך נישט קיין נאָגעל אַריינגעשלאָגען אין שטוב. וועהט טאַקע די שטוב אויס ווי אַ חורבה.

דורכן סופיט ׳קאָן מען מחדש זיין די לבנה, פון די וועגד פאַלען לעבעדיגע שטיקער, די טיר צושיט זיך, די פענסטער הענגען אין די לופטען, פון דער פאָדלאָגע איז קוים געבליבען אַ זכר.

וויפיל מאָל דער לאָקאַטאָר האָט זיך נישט געבעטען, אַז דער ווירט זאָל איהם כאָטש עפּעס פאַריכטען, האָט ער איהם כסדר אָפּגעשלעפּט אָדער בכלל זיך נישט געמאַכט הערען.

ענדליך האָט דאָס געדולד ביים לאָקאַטאָר געפּלאַצט. ער האָט דורך דער פערמיטלונג פון פעראיין זיך געוואָנדען אין דער דירות־אינספּעקציע. ס'איז אַראָפּגעקומען אַ קאָמיסיע, וועלכע האָט פאַראָרדענט דורכצופיהרען די נויטיגסטע רעפּעראַציעס.

דער ווירט האָט אָבער אויך דעם בעפעהל פון דער מאַכט איגנאָרירט. ערשט נאָך אַן׳אינטערווענץ ביי דער לייטונג פון געזונדהייטס־אָפּטייל האָט מען זיך אָנגעהויבען צום ווירט שטרענגער צו נעמען.

דאָס האָט דעם בעל־דבר אַריינגעבראַכט אין אַזאַ כעס, אַז ער איז איינמאָל אַריינגעפאַלען צום לאָקאַטאָר אין שטוב, און אויף איהם אַרויס מיט אַזאַ לשון:

— איך וועל דיך גיכער דערהרגענען, איידער מאַכען דעם רעמאָנט!

געגען דעם צוהיצטען ווירט איז פערפיהרט געוואָרען אַ פּראָצעס. דער פעראיינס־אַדוואָקאַט ה׳ מאַנעלאַ האָט אונטערגעהאַלטען אין דער גאַנצער בריי׳ט די בעשולדיגונג.

דער אָנגעקלאָגטער ווירט איז פערמשפּט געוואָרען אויף 2 וואָכען אונבעדינגטען אַרעסט.

אָפּטרעט־געלד מעג מען אָפּוואוינען

ישראל לייב ב. האָט געדונגען אין הויז פון נחום פּ. אַ דירה. די דירה איז געוועזען אַ רודערע אַזוי וועלכער מ׳האָט שוין לאַנגע יאָהרען נישט געוואוינט.

ישראל לייב האָט געדאַרפט אַריינלייגען אין רעמאָנט אַ גרעסערע סומע, ממילא האָט דער ווירט איהם פערדונגען די דירה אָהן אָפּטרעט־געלד, ער האָט נאָר געדאַרפט בעצאָהלען 3 הונדערט גילדען פאַר אַ יאָהר פאָראויס.

ישראל לייב האָט בעצאָהלט דירה־געלד פאַר אַ יאָהר פאָראויס, אַדורכגעפיהרט אַ קאָסטבאַרען רעמאָנט און זיך אַריינגעצויגען אין דער דירה.

באַלד נאָכדעם האָט דער ווירט פערגעסען אין אָפּמאַך, געפאָדערט גלייך פאַר׳ן ערשטען חודש דירה־געלד און אין אָנהויב פון צווייטען חודש שוין איינגעקלאָגט דעם לאָקאַטאָר אויף אַן עקסמיסיע.

אין געריכט האָט דער ווירט געטענה׳ט, אַז די 3 הונדערט גילדען האָט ער בעקומען אַלס אָפּטרעט־געלד און ממילא קומט איהם דירה־געלד.

דער פעראיינס־אַדוואָקאַט האָט אויפגעוויזען, אַז נעהמען אָפּטרעט־געלד פון אַ דעקרעטאַווע דירה איז נישט מאָראַליש און דעריבער מוז עס צוריקגעגעבען ווערען אָדער פערעכענט ווערען אויפ׳ן חשבון פון דירה־געלד, אפילו, ווען די סומע זאָל האָבען געגעבען געוואָרען אויף אָפּטרעטגעלד.

דאָס געריכט האָט איינגעשטימט מי׳טן אויספיהר פון אַדוואָקאַט און די תביעה פון ווירט אָפּגעוואָרפען, אַנערקענענדיג, אַז מיט דער געגעבענער סומע איז געדעקט געוואָרען פאַר אַ יאָהר דירה־געלד.

פּגישת חברים פון דער רעליגיעזער יוגענטליכער אַרבייטער־בעוועגונג „סיני"

בעכטען איז אין לאָקאַל פון „בנות אגודת ישראל" פאָלודניאָוואַ 20 פאַרגעקומען די ערשטע פגישת חברים פון דער רעליגיעזער יוגענדליכער אַרבייטער־בעוועגונג „סיני" אין דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע, יועלכע עקזיסטירט ביי דער „פּועלי אגודת־ישראל".

צו דער פגישה זענען געקומען דעלעגאַטען פון לאָדז, בעלכאַטאָוו, קאָנסטאַנטין, אַלעקסאַנדער, זד. וואָליע, וולאָצלאַוועק און זשיכלין.

ס'זענען אויך אָנוועזענד געוועזען אַלס געסט ראַטמ. יצחק לעווין, רעד. א. ג. פרידענזאָהן, און ד"ר י. שלאָסער.

די פגישה ווערט געעפענט דורך יעקב יצחק אַבקערמאַן, וועלכער לאַדענט איין אין פּרעזידיום: פּרנס צעדערבוים, ש. גרינפעלד, אלתר שנור, י. מ. בענדעט, הרב בלומענפעלד, ל. שמולעוויטש, שפּייער, מ. גערשט, ש. וואַרגאַן א. א.

ס'ווערט בעעהרט מיט אויפשטעהן פון די ערטער די קדושים פון ארץ־ישראל.

נאָכדעם ווי ס'ווערען געהאַלטען אַ גאַנצע רייהע בעגריסונגען האַלט ה׳ דוד באָמאַץ אַ רעפעראַט א. ד. ט. „פּועלי אגודת ישראל" אלס אידעאַל און איהר פערווירקליכונג" און אַ צווייטען רעפעראַט ה׳ משה ראַבינאָוויטש א. ד. ט. „די אויפגאַבען פון דער רעליגיעזער אַרבייטער־יוגענד אין איצטיגען ענטשיידונגס־מאָמענט", מיט אַ גרויסע רעדע איז אויך אַרויסגעטרעטען דער פּרעזעס פון „פּועלי אגודת ישראל" ה׳ פאַלק לאַנדענבערג.

די ערשטע זיצונג האָט זיך געענדיגט מיט׳ן אַרויסטריט פון „סיני"־כאָר אין לאָדז.

אויף דער צווייטער זיצונג, וועלכער איז פאַרגעקומען 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג האָבען די דעלעגאַטען פון די אָרטס־גרופּען אָפּגעגעבען בעריכטען פון זייער טעטיגקייט, ס'איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַ דיסקוסיע און ס'זענען אָנגענומען געוואָרען רעזאָלוציעס וועגען דער ווייטערדיגער אַרבייט פון די „סיני"־גרופּען, צווישען אַנדערען איז בעשלאָסען געוואָרען איינציכען צונויפצורופען אַ לאַנדעס־צוזאַמענפאָהר פון די „סיני"־גרופּען אין פּוילען.

נאָכ׳ן רעפעראַט פון ד"ר יעקב שלאָסער וועגען „היגיענע פון אַ־בייט", איז די פּגישה געשלאָסען געוואָרען מיט א רעדע פון ה׳ שלמה גרינפעלד.

אין אָוונט איז אין ענגלישען זאַל פאַרגעקומען אַ פאָלקס־פערזאַמלונג אונטער דער לאָזונג „ברויט, דערציהונג און פּראָדוקטיוויזאַציע פאַר דער יודיש־רעליגיעזער אַרבייטער־יוגענד". רעפערירט אויף דער דערמאָהנטער טעמא האָבען: ד"ר י. שלאָסער, פ. לאַנדענבערג, יצחק צעדערבוים, דוד באָמאַץ, יצחק פיגולאַ (בעלכאַטאָוו), שמחה באַרנשטיין, שלמה גרינפעלד און פ. ראַבינאָוויטש.

טעאַטער
פילהאַרמאָניע
נאַרומאָוויטשאַ 20.

ווילנער אָפּערעטען־טרופּע
נחמה, קאַדיש, חאַש מיט׳ן אַנטייל פון שלמה קוטנער

היינט, 9 אַוונט צום דריטען מאָל
נאָכ׳ן גרויסען ערפאָלג פון דער פּרעמיערע

מאַטקע פון סלאָבאָדקע

אָפּערעטע אין 3 אַקטען. 20 נומערן געזאַנג. הערליכע נאָך נישט געזעהענע דעקאָראַציעס
פערגרעסערטער אָרקעסטער. מאָדערנע טענץ און קאָסטיומען. אַנס.: דוד בייגעלמאַן.
בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון טעאַטער „פילהאַרמאָניע".

אַכטונג! אין פּראָבען די גרויסע פּרעמיערע פון ב. קוטשער
„די ציגיינערין"
פּרטים קומען

עלעקטריפיקאַציע פּלענער פון צווישען־קאָמונאַלען פערבאַנד „זעמפּאַל"

אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן פּראָיעקט פון אינוועסטיציע־אַרבייטען אויפ׳ן בריי׳טען פערנעהם וואָס דאַרפען רעאַליזירט ווערען דורך דעם צענטראַלער מאַכט אין פערלויף פון די נאָהענטסטע 4 יאָהר האָט די לאָדזער וואָיעוואָדשאַפט פאָרגעלעגט דעם האַנדעלס און אינדוסטריע־מיניסטעריום 2 וויכטיגע עלעקטריפיקאַציע־פונקטען — איינע פאַר׳ן לאָדזער קרייז, וואָס נעהמט אַרום 8 פּאָוויאַטען: בזשעזשינער, קאַלישער, לאָסקער, לענטשיצער, לאָדזער, שעראַדזער, טורקער און וויעלונער און דער צווייטער פאַר׳ן קאַלישער קרייז.

די פּראָיעקטען זענען נוגע די בויען אַן עלעקטרישע קרייז־נעץ כדי אויסצונוצען די אינסטאַלירטע קראַפט פון די שטראָמשאַפענדע מאַשינען אין די גרויסע עלעקטראָווניעס, וועלכע עקזיסטירען שוין אין די דאָזיגע קרייזען און אַזוי אַרום וועט מען קענען צושטעלען עלעקטרישע ענערגיע צו אַלע שטעט און ישובים און אפילו צ׳די אגראַר־ווירטשאַפטען, וועלכע געפינען זיך נאָהענט פון די עלעקטרישע ליניעס.

דערמיט שפּעט זיך נאָך נישט אויס דאָס פּראָבלעם פון עלעקטריפיקאַציע, דער פּרייז פון עלעקטריע דאַרף זיין א נידריגער און צוגעפּאַסט צו די לאָקאַלע בעדינגונגען. די הויכע פּראָדוקציע־קאָסטען פון די קליינע לאָקאַלע עלעקטראָווניעס האָבען געהאַט אַן׳איינפלוס אויפ׳ן פּרייז פון עלעקטריע, וועלכער איז געוואָרען אַ לאַסט פאַר די קאָנסומענטען און געוועזען די סיבה פון בעגרעניצען די קאָנסומציע פון שטראָם און האַמעווען די ענטוויקלונג פון די קולטורעלע געברויכען. אַנדערש שטעלט זיך פאַר דער ענין ביי גרויסע עלעקטראָווניעס. דאָרט ווערט פאַבריצירט ענערגיע פאַר בעלויכטונג קראַפט און בעהייצונגס צוועקען אין יעדער צייט און פון אַן׳אונבעגרעניצטער צאָהל. די שטראָמשאַפענדע מאַשינען ווערען בעסער אויסגענוצט און דער שטראָם איז ביליגער.

צוצושטעלען ענערגיע פאַר דעם קרייז קען זיך אונטערנעהמען נישט נאָר די עלעקטראָווניעס פון עפענטליכען געברויך, נאָר אויך די עלעקטראָווניעס פון גרויסע פאַבריקען.

צוליב דעם וואָס מצד דעם פּריוואַטען קאַפּיטאַל האָט מען נישט פאָרגעלעגט קיין גינסטיגע אָפּערטען אויף אַדורכצופיהרען די עלעקטריפיקאַציע פון לאָדזער קרייז האָט זיך דאָס אונטערגענומען דער „זעמפּאַל" (צווישען - קאָמונאַלע עלעקטריפיקאַציע פערבאַנד פון לאָדזער אינדוסטריע־קרייזען), וועלכער האָט די בעסטע מעגליכקייטען ראַציאָנעל צו פערווירקליכען דעם עלעקטריפיקאַציע־פּראָבלעם.

די מיטלען צו דערגרייכען דעם אָנגענומענעם ציל וועט זיין צו שאַפען ניד׳ריגע פערקויפס־פּרייזען פון שטראָם, וואָס וועט ברענגען צו פערשפּרייטען עלעקטרישע ענערגיע און ענטוויקלונג פון פערשידענע צווייגען פון אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט.

די שטרעבונג פון דעם מלוכה צו דערהויבען די אַגראַר־פּראָדוקציע, צו פערבעסערען די פּראָדוקציע, קען דערגרייכט ווערען נאָר דורך צוגענגליך מאַכען דעם פויער זיך צו בענוצען מיט עלעקטרישער ענערגיע, וועלכע מוז צוגעשטעלט ווערען ביליג, נאָר אַ קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציע, וועלכע איז נישט אויסגעשטעלט אויף קיין פערדינסט, קען זיך אונטערנעהמען צו לעזען דאָס פּראָבלעם און צו רעגולירען די פּרייזען פון עלעקטריע.

די רעגירונגס־ספערען, פערשטעהענדיג די בעדייטונג און פּערספּעקטיוו פון די נוצען, וועלכע ס׳קען ברענגען די מלוכה די טעטיגקייט פון „זעמפּאַל" האָבען זעהר גינסטיג זיך בעצויגען צו די בעמיהונגען און אויסגעדריקט די גרייטקייט פינאַנציעל צו שטיצען כדי צו רעאַליזירען דעם דערמאָהנטען פּלאַן.

אינזש. טעאָדאָר שישקאַ

גוט מאָרגען!

„שמיעטאַנקאָווע" הייזער!...

אין יוני 1937 ווערט געעפענט אין לאָדז, א פאַבריק פון קינסטליכע וואָל, וואָס וועט געמאַכט ווערען פון אָפּגעצויגענעם שמאַנד. דער ערפינדער איז אַן איטאַליענישער אינזשעניער פערעטי.

(פון דער כראָניק).

אונזערע פאַשיסטען שלאָפען נישט. א חוץ גאָז־מאַסקעס, גומענע פאַלטעס און אַריער־פּאַראַגראַפען, טוען זיי נאָך עפּעס: אין פאַשיסטישען דייטשלאַנד ווערט „ערפינדען" א מיטעל, ווי אַזוי דעם מאָגען אָפּצוגעוואוינען פון עסען. אַנשטאָט ברויט, עסט מען — שעטשקע, טראָטשינעס און מ׳פערטרינקט מיט קרחת און זויערמילך.

איצט איז געקומען איטאַליען מיט א נייער „ערפינדונג": וואָל פון שמאַנד.

נו, האָבען זיך די לאָדזער אינדוסטריעלער אָנגעכאַפּט אין דער ערפינדונג ווי אין א הייסע־געבראָטענס. וואָרים די „שמיעטאַנקאָווע" וואָל, וועט דאָך מאַכען אַן׳איבערקעהרעניש אין דער וואָל־אינדוסטריע. צו וואָס האָבען צו טון מיט א וואָל־אימפּאָרט. האָבען צו טון מיט דעוויזען. צרות און שלעק. פון איצט אָן וועלען די פאַבריקאַנטען בויען.. גרויסע קוה־שטאַלען. יעדער פאַבריקאַנט וועט אין דער פאַבריק האָבען א שטאַל. אַנשטאָט אַרבייטער, וועט מען צונעהמען... מעלקערינס. פון דער מילך, וועט מען אַראָפּנעהמען דעם שמאַנד, פון שמאַנד וועט מען מאַכען וואָל, און פון דער מילכיגער וואָל, וועט מען שפּעטער אויסאַרבייטען סחורה, און פון דער סחורה וועט מען נייען: „שמיעטאַנקאָווע הויזען"... שמיעטאַנקאָווע מאַנטלען, א. אז. וו.

איצט וועט זיך מאַכען א נייע צרה: פליישיגע הויזען און מילכיגע הויזען. די מורה־הוראות וועלען האָבען צו פּסקנען נייע שאלות.

א יודענע וועט קומען צום רב פרעגען א שאלה:

— רבי, אין דער פליישיגער קלייד־שאַנק, האָט מען על פּי טעות, אַריינגעהאָנגען א מילכיגע פּאָר הויזען...

וועט דער רבי פערקנייטשען דעם שטערן, און וועט פּסקנען:

— די מילכיגע הויזען זענען כשר, ווייל זיי זענען געוואָרען בטל בשישים...

אָדער:

די בעל־הביתטע קומט אַריין אין דער קוך, זעהט זי ווי די דינסט גאָסט אַראָפּ די שמאַנד פון דער מילך. גיט זי א געשריי:

— געוואַלד! זי האָט מיר אויפגענאָסט א גאַנצע נאָגעוויצע!...

אין טעלעפאָן:

— כ׳בעט איהם, גיבען זי מיר א קוואַרטל גוטען שמאַנד.

— צו וואָס דאַרפען זי דעם שמאַנד, צום קאָכען צי צום באָקען?

— ניין, אויף א פּאָר וואָלענע שקאַרפּעטקעס פאַר מיין מאַן...

אין קינאָ וועט מען פון דער גאַלעריע הערען א בת־קול:

הקיצור, די פאַשיסטען רוהען נישט. א חוץ גאָז־מאַסקעס, אַריער־פּאַראַגראַפען פערזאָרגען זיי נאָך די מענשהייט מיט — ערפינדונגען. די דייטשען עסען ברויט פון שעטשקע און טראָטשינעס, און די די איטאַליענער לערנען אונז מאַכען... „שמיעטאַנקאָווע הויזען"!...

אַב—נעק.

לויה־ביוראָ פון פיבקערט אין לאָדז
„נצח ואמת"
ציגעל־גאַס 11. טעל. 244-61
איז טעטיג בייטאָג און ביינאַכט אַהן איבעררייס

א גרויסע יוגענט־פערזאַמלונג פאר׳ן „מפעל־הבצרון" אין לאָדז

נעכטען נאָכמיטאָג איז אין ענגלישען זאַל פאַרגעקומען א גרויסע יוגענד־פערזאַמלונג געווידמעט דער יוגענד־אַקציע פאַר׳ן „מפעל הבצרון", וואָס וועט דורכגעפיהרט ווערען זונטאָג, ד. 1 נאָוועמבער ה. י. אין גאַנץ פּוילען ווי אויך ביי אונז אין שטאָט.

ביי א פול געפּאַקטען זאַל פון דער יוגענד פון פערשידענע אָרגאַניזאַציעס עפענט די פערזאַמלונג דער ה׳ נ. ניימאַלדבערג. עס רעדען די ה"ה: משה לימאַן, הורוויטש, ראַפּ׳ן און שפּירא (בידע פון א"י). די רעדנער זענען מיט בעגייסטערונג און צושטימונג אויפגענומען געוואָרען דורך די פערזאַמעלטע.

דער ה׳ ניימאַלדבערג שליסט די אימפּאָזאַנטע יוגענד־פערזאַמלונג דורך אָנגענומען אַן׳ענטשפּרעכענדע רעזאָלוציע, וואָס רופט די יודישע יוגענד פון לאָדז, זיך צו שטעלען דעם 1־טען נאָוועמבער אין רשות פון דער אַקציע, און גיין פון שטוב צו שטוב, פון יחיד צו יחיד מיט׳ן רוף זיך מאַקסימאַל צו בעשטייערן פאַר׳ן „מפעל הבצרון".

Doktór Z.
HENRYKOWSKI
ספּעציעל־אַרצט פאַר מענער - שוואַכע, ווענערישע און הויט־קראַנקהייטען
טראַוגוטאַ 9. טעל. 262-98
נעמט אָן פון 8—1 און פון 5—9 אָוונט
זונטאָג פון 9 פריה ביז 12.30 מיטאָג
פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע־פּרייזען

די „נאַציאָנאַלע" העלדען

צושלאָגען א 67־יאָהריגען טויב־שטומען יודען

(א) כידוע האָט א גרופּע ענדעקעס דעם פאַריגען זונטאָג, דעם 18טען ד.ח. געמאַכט אין באַלוט אַן׳אַוואַנטורע און געשלאָגען יודישע דורכגייער. צווישען אַנדערע האָבען זיי בלוטיג צושלאָגען דעם טויב־שטומען 67־יעהריגען שלמה ראָזענקראַנץ.

טראָץ דעם, וואָס עס איז בעת מעשה נישט געלונגען פעסטצושטעלען די נעמען פון די „גאָבעלע העלדען" איז זיי דאָך שפּעטער געלונגען אויסצוגעפינען און אַרעסטירען.

אינטערעסאַנט איז, אַז אויפן פערהער אין קאָמיסאַריאַט האָבען זיי געטענה׳ט, אַז ראָזענקראַנץ איז נאָר זיי בעפאַלען.

בקרוב וועלען זיי זיך האָבען צו פעראַנטוואָרטען אין שטאָטישען געריכט.

KINO TEATR
MIRAŻ
11 LISTOPADA 16

אָנהויב 4 נאָכמיטאָג.
היינט און פאָלגענדע טעג
דער גרעסטער דזשונגלי־פילם א. נאָמען:
די נייע פּאַסירונגען פון Tarzan
אין דער הויפּט־ראָלע:
HERMAN BRIX
2) גרויסער שפּיאָנאַזש־פילם פון וועלט־קריג
„Szyfr 77"
אין דער הויפּט־ראָלע:
WILLIANA PAWELL

הספארט-בעוועגונג

די פערווירקליכונגס תקופה פון „כפר המכבי"

צו דער פראקלאמירטער אקציע אין פוילען

אין שייכות מיט דער פראקלאמירטער אקציע לטובת כפר המכבי דורכן מכבי-פערבאנד אין פוילען האלט איך פאר נויטיג צו בעקענען די עפענטליכקייט מיט איניגע פרטים אין צוזאמענהאנג מיט דער פערווירקליכונג פון דער גרינדונג פון ערשטען מכבי-דארף אין ארץ-ישראל.

די פיערליכע צערעמאניע פון איינגעפען דעם באדען פון „כפר המכבי" איז פארגעקומען מאנטאג י"ט ניסן תרצ"ה דורך דעם פרעזידענט פון קרן-קימת און בייט דער אנוועזנהייט פון מכבי-באר-שטעהער פון איניגע לענדער.

נאך דעם ווי מ'האט אויסגעקויפט דעם באדען, האבען זיך אלע פערזאמעלט אויף א בערגעל און ה' מ. אוסישקין עפענט די פייערליכקייט מיט א געלעגנהייטס-רעדע, פון וועלכער מיר ציטירען איניגע שורות:

„עס איז פאר מיר א בעזונדערע פערגעניגען — הויפט אז ה' אוסישקין זיין רעדע — אייך איבער-צוגעבען אין נאמען פון דער ליטונג פון קרן קימת דעם חאזיגען שטח באדען, צו גרינדען אויף איהם פאר אייערע חברים א נייעם ישוב, וועלכער וועט טראגען דעם נאמען „כפר המכבי". מיר לעבען איצט אין דער תקופה פון בויען דאס היימלאנד און פיל ישובים ווערען א צט געבויט. פארן קרן-קימת איז „כפר המכבי" א נייער פונקט צווישען פיל ישובים אויף זיין באדען אבער פאר די טויזענדער און צענד-ליגער טויזענדער חברים פון „מכבי" פון דער גאנ-צער וועלט, וועט דער דאזיגער דארף זיין דער ערש-טער ישוב. אט שוין איבער צוואנציג יאהר, ווי דער „מכבי" בעשעפטיגט זיך מיט ענטוויקלען די קערפער-ליכע כוחות פון די יודישע יוגענט און דערציהלט ווי אין גייסט פון ספארט און דיסציפלין, אבער פיז איצט איז נישט געווען קיין שום ארגאנישער קשר מיט דעם אויפבוי פון לאנד. דאס איז געווען א גרויסער פעהלער פאר א יוגענד-ארגאניזאציע, וואס בעשעפטיגט זיך מיט ערציהונג ווייל זי האט נישט קיין חנכט אויף עקזיסטענץ אהן א ממשות'דיגער פערבינדונג מיט דעם באדען און קאלאניזאציע אין היימלאנד.

היינט האט איהר בעוויזען דעם פעהלער מתקן צו זיין: די וועלט-ארגאניזאציע פון „מכבי" וועט מעהר נישט זיין אויסגעהילט, נאר וועט לאזען ווארצלען ממש אין דער ערד פונם אייגענעם לאנד און אויב דער דאזיגער פערזוך וועט מצליח זיין וועלען געגרינדעט ווערען ידישער פונם „מכבי" אין אלע טיילען פון לאנד.

מכבים! איהר נעמט אויף זיך א גרויסע פער-אנטווארטליכקייט פאר אייער ארגאניזאציע און פארן גאנצען ישוב, ביז איצט האט איהר נישט געד האט קיין שום נסיון אין ערד-ארבייט און פאר קאלאניזאציע-ארבייט אין לאנד. דארף מען קענען דעם פאך, און אויך האבען אידעאליזם און דורכזאמקייט, זייט צוגעגרייט צו שווערע צייטען און בעווארענט זיך פון אנפאנג מיט גרויס עקשנות, איהר דארפט וויסען, אז פון די רעזולטאטען פון חאזיגען ערש-טען נסיון איז אפהענגיג די גאנצע קאלאניזאציע אר-בייט פון „מכבי". דאס איז מיט איין ווארט א פער-אנטווארטליכער מאמענט פאר דער בעוועגונג פונם „מכבי".

דער באדען פונם ערשטען „מכבי-דארף" גע-פינט זיך 5—6 קילאמעטער פון עמק-זבולון, צווי-שען כפר אושה און כפר החסידים 1½ קילאמעטער פון כפר-אתא און 2 קילאמעטער פון שאטע. דאס איז א אויסגעצייכענטער באדען, וועלכער איז זעהר גוט פאר גריטס און בהמות-פוטער. אין דער סביבה איז פארהאן פיל וואסער. היי-יאהר האט מען געבויט א בחונען אין כפר המכבי. וועלכע ליפערט 4 הונ-דערט קוביק מעטער וואסער א שעה. דאס וועט ברענגען א שפע פארן באדען. אויף דעם נייעם ישוב געפינט זיך איצט 50 משפחות מכבים.

מיט'ן איבערגעבען דעם באדען אין רשות פון „כפר" המכבי" הויבט זיך אן א נייע תקופה אין דער געשיכטע פון דער מכבי ארגאניזאציע אין צו זאמענהאנג דערמיט זענען פערגרעסערט געווארען די מעגליכקייטען פון דער ארבייט פאר „כפר המכבי".

א. מארגענשטערן

הכח האט ווידער געמוזט פערשפילען...

י. ק. פ. הכח 6:10

נעכטען פארמיטאג איז אין „ראזמאיטאשטשי" טעאטער פארגעקומען דער רעוואנזש מעטש, וועגען דער מאנשאפט-מייסטערשאפט פון לאדזער קרייז אין באקס.

ווי בעקאנט, האבען זיך היי-יאהר צום קאמף געשטעלט בלויז צוויי מאנשאפטען י. ק. פ. און „הכח".

אין ערשטען מעטש האבען די ריכטער אנער-קענט אלס זיגער די י. ק. פ. מאנשאפט, וועלכע זיי האבען אנערקענט א פונקטען-פערהעלטניש 5:11.

צום נעכטיגען רעוואנזש מעטש איז געקומען א גרויסער עולם. אבער עטליכע מינוט פאר'ן מעטש איז שוין בעקאנט געווען, דאס י.ק.פ. האט שוין 4 פונקטען און נעמליך: צוליב דעם, וואס סטאהל האט נישט דערגרייכט די האלב שווערע וואג און.. ווידאווינסקי האט נישט געקענט קעמפען.

דער בעסטער יודישער באקסער ווידאווינסקי, וועלכער האט זיך אזוי פרעכטיג אויסגעצייכענט אין פריהערדיגען מעטש דינט איצט אין מיליטער. א פאר מינוט, איידער די יודישע מאנשאפט האט געזאלט ארויס אויפ'ן רינג איז געקומען א זשאנ-דארם און אויפגעפאדערט ווידאווינסקין זאפארט צו געהען אין די קאשאר"ען. היות ,ווי ס'איז שוין געווען נאך דעם וועגען פון די באקסער, האט שוין „הכח" נישט געקענט געבען קיין רעזערוו-באקסער, ס'איז אויך נישט מעגליך געווען איבערצוזוכען צ. ב. ביאליסטאקען אין אנ'אנדערער וואג, אזוי, אז נאך פאר"ן מעטש האט שוין י.ק.פ. געהאט 4 פונקטען.

איבערגעהענדיג צום מעטש דארף מען בעטאנען דאס „הכח" דיספאנירט איצט מיט א גאנץ לייט'שער מאנשאפט. אמת, אין עטליכע וואגען זענען די באק-סער נאך נישט אויף דער געהעריגער הויך, אבער ביי אנ'אינטענסיווען ט"ענירען (בליבוים) אין קאמף מיט ערנסטערע געגנער, קאן מען פון זיי פיל ערווארטען און פאר דער לייטונג פון „הכח" שטייט איצט אנ'ערנסטע אויפגאבע ארויפצוברענגען גוטע באקס-מאנשאפטען.

איידער מיר וועלען איבערגעהן צו די טעכנישע רעזולטאטען פון נעכטיגען מעטש, מוזען מיר זיך אויף א ווײלע אפשטעלען אויף דער פראגע פון די ריכטער.

דער אלטער סיסטעם האט זיך ארויסגעוויזען אלס א שלעכטער. ס'איז געענדערט געווארען דער סיסטעם. איצט פונקטירט איין ריכטער. אבער אויך דאס האט נישט געברענגט די ישועה. עס ווייזט זיך ארויס, אז נישט דער סיסטעם איז א שלעכטער: די מענשען דארף מען ענדערן!

ווייל, ווי קאן מען אויסטייטשען די שטעלונג פון פונקטען-ריכטער, וואס בע'עוולה'ט בסדר די יודישע באקסער (אויף די צוויי לעצטע מעטשען).

די יודישע מאנשאפט האט אויך נעכטען געמוזט פער-שפילען. פאגאט און וואלדמאן זענען בע'עוולה'ט געווארען. ווען דער ריכטער וואלט ריכטיג פונק-טירט די קאמפען, וואלט אויך דער אויסגאנג פון נעכטיגען מעטש געווען אנ'אנדערער.

אבער א צווייטער, הימעל-שרייענדער פאקט: ס'פיהרט זיך, אז יעדע באקס-מאנשאפט האט איהר סעקונדאנט. חוץ דעם גיט דער טרעניר'ער, בעת די פויזעס, אנווייזונגען די באקסער. דער נעכטיגער רינג-ריכטער ה' טשערניק האט בסדר געטרודפ'ט דעם הכח-טרענירער רובין און צום סוף האט ער איהם געזאגט, אז ער וועט איהם ארויס-ווארפען פון רינג. דערביי האט ער דאס זעלבע טאלערירט ביי י.ק.פ., ווייל דארט זענען א חוצ'ן סעקונדאנט געזעסען דער טרענירער קאנאזשעווסקי און כמיעלעווסקי...

ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אז דאס פובליקום וועלכעס פילט אן די קאסעס מיט געלד, ווערט ארויסגעפיהרט פון די כלים, און פאליציי האט געמוזט אינטערווענירן און בערוהיגן דעם עולם.

די טעכנישע רעזולטאטען זענען געווען פאל-גענדע:

ליבערמאן האט הויך געוואונען ביי פאפיעלאטי.

אין קאמף גאטפריד—בארטניאק איז דער יו-דישער באקסער געווען בעסער אין דער ערשטער און צווייטער רונדע. גאטפריד קעמפט אבער נישט ריין (קאפ) און דאס האט בעוואוגען, אז דער קאמף האט זיך פערענדיגט רעמי.

אין דער פליגען-וואג האבען געקעמפט פא-גאט און ספאדענקעוויטש. דער דאזיגער קאמף איז געווען דער אינטערעסאנטסטער פון טאג. פאגאט איז א זעה רגוטער באקסער, גרייפט בסדר אן, געהט דרייסט און האט א געזונדע פויסט. די ערשטע און דריטע רונדע איז געווען פאגאט'ס, די צווייטע ספאדענקעוויטש'ס.

דער ריכטער האט אנערקענט אלס זיגער ספא-דענקעוויטש'ן, און דאס האט ארויסגערופען א שטורם פון פראטעסטען אין זאל און פאליציי האט געמוזט אי. טערווענירען.

וואזשניאק/וו טש האט בעזיגט ביאליסטאק'ן.

דורקאווסקי האט ערצילט צוויי פונקטען דורך א וואלקאווער.

דער קאמף וואלדמאן — באנאשיאק איז געווען א זעהר פערביסענער. וואלדמאן האט בסדר גע-האט אנ'איבערמאכט. באנאשיאק האט אבער א געזונדען קינביין. די ערשטע צוויי רונדען געווינט הויך וואלדמאן, אין דער דריטער גרייפט באנאשיאק שטארק אן, אבער וואלדמאן לאזט נישט ארויס די איניציאטיוו. דער ריכטער אנערקענט דעם קאמף אלס רעמי, וואס בע'עוולה'ט שטארק וואלדמאנען.

פיעטשאק האט ערצילט צוויי פונקטען, ווייל סטאהל האט נישט געהאט די נויטיגע וואג.

בליבוים — קוביאק: קוביאק האט געקעמפט דאס ערשטע מאל און האט געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק. אין דער ערשטער רונדע ט"עט בליבוים עטליכע מאל. אין דער צווייטער האט קוביאק א קליינע איבערמאכט און בליבוים איז א ווילע אויף די ברעטער, אבער ער קומט צו זיך. אין דער דרי-טער רונדע גרייפט בליבוים שטארק אן. חגם קוביאק בעזיצט א ריזיגען כוח, ווירקען אבער בליבוים'ס קלעפ אזוי, אז קוביאק געהט צוויי מאל אויף די ברעטער ביז 8 און דער ריכטער רייסט איבער דעם קאמף. בליבוים האט געוואונען דורך א טעכנישען ק. א.

דער אלגעמיינער רעזולטאט, לויט'ן ריכטער, איז 6:10.

בעת'ן מעטש, האט דער דעלעגאט פון „הכח" ירחמיאל סעגאל אפגעגעבען א פראטעסט. לויט'ן פאראגראף 40 מוז מען אין רינג מעלדען וועגען דעם, אז דער און דער באקסער האט געוואונען דורך „וואלקאווער". דער דאזיגער פאראגראף איז נעכ-טען נישט אפגעהיטען געווארען. ס'איז אלזא נישט אויסגעשלאסען, אז ס'וועט קומען צו א דריטען מעטש י.ק.פ — הכח.

ריכטער זענען נעכטען געווען: אין רינג — ה' טשערניק, אויף פונקטען — ה' שיראטא.

—*X*—

א=קראס-מעטשען אין לאדז

אוניאן-טורינג — ס. ק. ס. 0:1

ל. ט. ס. ג. וו. ק. ס. 2:2

פ. ט. צ. — בוזשא 1:3

סאקאל (פאביאניץ) — ל. ק. ס. I 0:2

באקס-מעטשען אין ווארשא

אקענטשע — פאלאניא 5:11

באקס

קרושענדער — זיעדנאטשאנע 5:7.

ליגע מעטשען אין לאנד

ווארשאוויאנקא — גארבארניא 1:4

ווויסלא — רוך 1:3

ל. ק. ס. — לעגיא 1:3

דאמב — שלאנסק 0:2

ווארטא — פאגאן 1:2

נאך די היינטיגע מעטשען זעהט די טאבעלע אויס אויף פאלגענדען אופן: רוך, וועלכע איז שוין מייסטער פון פוילען, ווארשאוויאנקא, וויסלא, ווארטא, ל. ק. ס. גארבארניא, פאגאן, דאמב, שלאנסק און לעגיא.

לעגיא איז שוין ארויסגעפאלען פון דער ליגע, דער צווייטער קאנדידאט ארויסצופאלען איז שלאנסק און דאמב.

פינאל-מעטשען וועגען ארייג=גהען אין דער ליגע

קראקאוויא — שמיגלי 0:5

א. ק. ס. — בריגאדא 0:2

אין דער ליגע געהען אריין קראקאוויא און א. ק. ס.

ל. ק. ס. — לעגיא 1:3 (0:3)

דער נעכטיגער ליגע-מעטש האט צוגעצויגען א 2500 קעפיגען עולם. „לעגיא" איז ארויסגע-טרעטען אהן די 4 שפילער, וואס האבען „עמיג-רירט "קיין אמעריקא.

ל.ק.ס. האט געהאט אנ'איבערמאכט. די טויערן פאר ל. ק. ס. האבען ערצילט קרול 2 און לעוואנ-דאווסקי. אלע 3 טויערן אין דער ערשטער העלפט. דאס עהרען-טויער האט פאר „לעגיא" דערגרייכט ריידעקן אין דער לעצטער מינוט פון מעטש.

ריכטער איז געווען ה' ארטשינסקי אויס קראקא.

ה. אהערמאן

ער און זיינע פרויען

ראמאן פון יודישען לעבען

45

אבער טויב זענען נתנ'ס אויערען געווען צו דעם ארומיגען געשריי, און בלינד זענען זיינע אויגען געווען צו דעם אלץ וואס עס טוט זיך ארום איהם, און ער איז זיך געגאנגען אזוי שעה'ן, טעג און וואכען, ווי א מת, וועמעס נשמה עס האט נאך נישט געהאט קיין תיקון און וואגעלט ארום אויפ'ן עולם התוהו.

אזוי האט נתן אין יענעם פריהלינג זיך ארומגעשלעפט אהן א צוועק און אהן א ציל, ביז ער איז א מידער מיט אנ'אויסקוק פון א וואנדערער וואס קומט-אן פון ווייטע לענדער, אנגעקומען צו א וואלד וואס איז געלעגען עטליכע ווי'ארסט לעבען א שטעטעלע ביים טייך פרוט.

ווען נתן איז אנגעקומען צו יענעם וואלד האט די נאכט אנגעהויבען צוצופאלען און די ביימער פון וואלד האבען גערוישט און געזשומעט און האבען אויף נתנ'ען אנגעווייעט א מורא, ווי עס איז נאטירליך ביי א מענשען ווען ער דארף דורכגעהן א וואלד. נתן האט זיך געוואלט מיט זיינע לעצטע כחות וואס שנעלער דעם וואלד איבערצוגעהן. אבער ווי אינמיטען, מעשה שטן האבען איהם די פיס זיינע אויפגעהערט צו דינען, און ער האט זיך, נישט-וויל-לענדיג, געמוזט אנידערזעצען אפרוהען.

אקעגען א שעה צייט איז נתן אזוי געזעסען אין יענעם וואלד, ווי פלוצים האט ער דערזעהען פון צווישען די ביימער א שיין פון ליכט, וואס דאס האט נאך נתנ'ען מעהר איבערצייגט, אז דאס איז שוין שטאק נאכט און אז ער וועט שוין מוזען בליי-בען יענע נאכט נעכטיגען אין וואלד, ווייל ער איז נאך אלץ געווען זעהר מיד און ווייטער געהען האט ער זיך נישט געפיהלט בכוח — און ווער ווייסט, האט נתן דאן ביי זיך געטראכט, ווי ווייט עס איז צו א ישוב, וואו ער וועט קאנען איבערנעכטיגען.

אז די שיין פון ליכט קומט צו איהם פון א הויז, איז ביי איהם איצטער קיין ספק נישט געווען, ווייל קוקענדיג אזוי צו יענעם ליכט און וועלענדיג דערגעהען פון וואנען, ווי ווייט דאס ליכט קומט, האט נתן דערזעהען א רויך זיך שלענגלען צום הי-מעל פון יענער זייט, פון וואנען דאס ליכט איז גע-קומען. און וואס נאך, פאר א סימן האט ער בעדארפט צו וויסען, אז דארטען מוז זיך געפינען א הויז וואו מענשען וואוינען, און אזיבצו האט זיך נתן גע-לאזט געהען.

צום ערשטען האט זיך נתנ'ען אויסגעוויזען, אז דאס ליכט קומט צו איהם פון גאר נאהענט, אבער ווען ער האט זיך געגומען געהען נאכ'ן ליכט האט ער זיך שוין איבערצייגט, אז עס איז גארנישט אזוי נאהענט ווי איהם האט זיך געדאכט.

אין וואלד איז געווען פינסטער און ביז נתנ'ען האט געקלאפט דאס הארץ. ווער ווייסט, האט ער מורא געהאט, וואוהין דער שיין פון יענעם ליכט וועט איהם ברענגען, ער איז געגאנגען איבער קאר-טשעס, איבער פיעניעס, ביז ד' שיין פון יענעם ליכט אין איהם געקומען וואס אמאל נעהנטער אקעגען און ער האט דערזעהן פאר זיך אנ'ארים הילצערן הויז, וואו עס האט געברענט א לאמפ, און צו יענעם הויז האט זיך נתן געלאזט געהען אנקלאפען און זיך איינבעטען פאר נאכטלעגער.

איינגאנצען עטליכע שפאן איז נתן שוין גע-ווען פון יענעם הויז, ווען פלוצים זענען איהם בעפאלען עטליכע הינט פון וועמען ער האט געמיינט, אז ער וועט שוין נישט ארויס קיין לעבעדיגער, און ווען דער באלעבאס פון יענעם הויז זאל נישט געווען ארויסקומען זעהן אויף וועמען די הינט האבען זיך אזוי צעהאווקעט, וואלטען די הינט אפשר נתנ'ען דעמאלסט טאקע געווען צוריסען אויף שטיקער.

ווען דער באלעבאס פון יענעם הויז האט נתנ'ען אריינגענומען צו זיך, איז ער (נתן) געווען פון שרעק מער טויט ווי לעבעדיג און ס'האט גענומען ביי איהם אפשר א שעה צייט ביז ער איז געקומען צו זיך און ער האט געקאנט ארויסרעדען א ווארט, פרי הער פון שרעק אוי דערנאכדעם פון פרייד וואס עס האט איהם גארנישט געשאדט און ער איז ניצול געווארען פון די בייזע הינט, האט זיך נתן צעכליפעט אין א גרויס געוויין, אז עס האט אנגעווארפען א פחד אויף די ארומיגע.

ארום נתנ'ען זענען געשטאנען דער באלעבאס פון הויז — דער נאמען פון וואלד, א יוד, מיט זיין ווייב, און זיי ביידע האבען נתנ'ען בערוהיגט, און נתן האט זיך שוין דארט אונטערגעלעגט זיין הארץ פון הונגער און ער איז געבליבען נעכטיגען

אז ער וועט שוין פערבלייבען אין יענעם וואלד פאר א לענגערער צייט, דאס האט זיך אפילו יענע נאכט נישט גע'חלומ'ט נתנ'ען. אבער איידער מיר וועלען ווייטער דערצעהלען וואס עס האט מיט נתנ'ען פאסירט אין יענעם וואלד, וועלען מיר דא איבערגע-בען עטליכע ווערטער וועגען נאמען פון יענעם וואלד און וועגען דעם באלעבאס צו וועמען דער וואלד האט בעלאנגט.

אויף דעם טייך פרוט ביי דער רומענישער גרע-ניץ איז אויף דער רוסישער זייט וואס עס האט זיך גערופען „מאלא-פרוט", געלעגען א קליין שטעטעלע מיט'ן נאמען וואיעשטי. אין יענעם קליינעם שטע-טעלע וואיעשטי האבען געלעבט א קנאפע צוויי הונדערט יודישע פאמיליעס, און אלע האבען זיי זיך מעהר געמוטשעט ווי געלעבט, זיי זענען געווען גרוי-סע אביונים, דלפנים, ארימע לייט אין זיבען פאלעס. אבער איין יוד איז געווען אין וואיעשטי, וואס הלוואי אויף אלע יודען געזאגט געווארען אזא מערכה ווי ער האט געהאט. ער איז געווען א גרוי-סער גביר, אנ'אדיר און דער שם זיינער אלס גרוי-סער עושר האט גע'שס'ט איבער'ן גאנצען מאלא-פרוט, און אפשר נאך ווייטער.

יענער עושר האט געהייסען חיים שאר, אבער מען האט איהם גערופען יפים שאר, איבער דעם, וואס ער איז געווען אזוי רייך און איבער דעם וואס ער האט פערקעהרט מיט הויכער נאטשאלסטווא און ער איז אליין געווען א פאמיעשטשיק (א גוטס-בעזיצער), און כאטש מען האט געוואוסט, אז ער איז א יוד, האט מען איהם אבער קיינמאל נישט גע-הערט רעדען קיין יודיש ווארט, נאר רוסיש, אזוי ער, זיין ווייב, די נגידית'טע און זייער איין-און-איינציגע טאכטער פאליא.

(פארטזעצונג קומט)

כראניק פון פאגאטאוויע

(א) אין טאג-זאל אויף זשעראמסקיעגא 64 איז בעת א געשלעג פעררואונדעט געווארען דער 26-יעהריגער זיגמונד טשיכי זאקאנטנא 73.

אויף קרוטקע איז בעת א געשלעג פערוואונדעט געווארען אין קאפ דער פוהרמאן שלום קא-טא-שעווסקי (קרוטקע 57).

אויף קאפערניקא 10 איז אראפגעפאלען אין קעלער אירענא פילאזשעווסקא (לעגיאנוב 3) און זיך שווער פערוואונדעט.

אויף לוטאמיערסקא 13 איז צושלאגען גע-ווארען דורך אונבעקאנטע דער 29-יעהריגער יוזעף סאוואק פון אוארקעוו.

אויף נאפיורקאווסקיעגא 143 איז בעפאלען געווארען דורך אינבעקאנטע דער 34 יעהריגער פראנציזשעק כאלא.

אין די אלע פאלען האט די פאגאטאוויע ער-טיילט די ערשטע הילף.

איבערגעפאהרען אויף טויט

(א) נעכטען 11 פאמיטאג איז אויפ'ן ריי-מאנט-פלאץ איבערגעפאהרען געווארען אויף טויט דורך אנ'אויטא די 60-יאהריגע אנטאנינא ביאלא-בושעסקא פון קרוטשא 29.

פאליציי האט ארעסטירט דעם שאפער רײמאנט מייכזשאק און פעראָרדענט אנ'אויספאָרשונג.

זעלבסטמארד צוליב נויט

אויף ניעגאלעווסקא 5 האט געפרובט בעגעהן זעלבסטמארד דער ארבייטסלאזער 38 יעהריגער אנטאני קאוואלסקי.

ראדיא - פראגראם

מאנטאג, דעם 26-טען אקטאבער

6.33 גימנאסטיק, 6.50 מוזיק (פליטען), 7.25 ידי-עות, 7.35 מוזיק (פליטען), 8 אודיציע פאר שולען. 11.30 אודיציע פאר שולען. 11.57 צייט-סיגנאל, 12.03 פליטען, 12.40 וועגען בעראטונגס-שטעלען פאר מוטערס, 12.50 ידיעות, 1 פון די מוזיק. קאמעדיעס (פליטען), 2.57 לאדזער בערזע, 3 ווארשעאפטליכע ידיעות, 3.15 רעקלאמע - קאנצערט, 3.40 שמועס פאר קינדער, 3.50 מוזיק פאר קינדער (פליטען), 4.05 פליטען, 4.15 די נייע ארטאגראפיע, 4.30 מיליטער - ארקעסטער, 5 רעפע-ראט, 5.15 קאמעראל-מוזיק, 5.50 שמועס, 6 אקטועלער שמועס, 6.10 ספארט, 6.20 פידעל-קאנצערט פון בראנים-לאוו הובערמאן (פליטען), 7 מוזיק. אודיציע, 7.30 סאלאן-מוזיק, 8.45 אוונט-ידיעות, 8.53 אקטועלער שמועס, 9 הערשפיל, 9.45 באלאדע, 10 סימפאנישער קאנ-צערט.

טעאטער. מוזיק און פערוויילונג (קאמוניקאטען)

גרויסער דערפאלג פון דער צווייטער פרעמיערע „מאטקע פון סלאבאדקע"

דער איבערפולטער טעאטער נעכטען האט בולט איבערציוגט ווי באליבט עס זענען די אקטיארען נחמת, קאדיש, חאש, קוטנער, טאפעל, גראדנער, ביווירט, לי-פאווסקא און אנד.

עס האט אויף דער פארשטעלונג געהערשט א יום-טוב שטימונג אין זאל. די פיעסע איז רייך אין מוזיק, געזאנג, טאנץ, הומאר, וויץ, עס איז מאקי געליגט געווארען זעהר פיל אכט אויף דער אויסשטאטונג און קאסטיומירונג.

היינט 9 אוונט ווערט געשפילט „מאטקע פון סלא-באדקע"

נאך דריי טעג „מיסיסיפי"

צוליב דעם, וואס די לעצטע פארשטעלונג פון „מי-סיסיפי" האט נעכטען געהאט א שטורמישען ערפאלג און הונדערטער מענשען זענען אוועק פון קאסע אהן בילעטען האט די אנפיהרונג פון דער „יונגער בינע" בעשלאסען צו בלייבען אין לאדז נאך 3 טעג ד. ה. ביז מיטוואך איינ-שליסליך.

עס ווערט געשפילט די זעהר אינטערעסאנטע עמא-ציאנעלע פארשטעלונג, וואס האט אויפגערודערט דעם בע-סערן טעאטער-צושויער „מיסיסיפי".

די אנפיהרונג פון דער „יונגער בינע" איז פער-אינטערעסירט, אז אלע אהן אויסנאהם זאלען קאנען זעהן „מיסיסיפי" און גיט די לעצטע פארשטעלונגען צו ספע-ציעל ביליגע פרייזען.

אין אינטערעס פון פובליקום איז זיך צו בעזארגען מיט בילעטען פריהער. דער פערקויף פון בילעטען קומט פאר אין קאסע פון טעאטער.

4 בעסטע פוסבאל-שפילער פון דער ווארשאווער לעגיא „עמיגרירט" קיין אמעריקא

די לעצטע טעג איז די סענסאציע אין דער פוילישער ספארט-וועלט פאלגענדע אפערע:

מיט עטליכע טעג צוריק האבען די 4 פוסבאל-שפילער פון דער ווארשאווער „לעגיא". די פיל-מאליגער רעפרעזענטאנט מארטינא, נאוואק, צע-בולאק און דראבינסקי געבעטען אויף זייערע אר-בייטס-פלעצער א קורצען אורלויב. עטליכע טעג האט מען זיי נישט געזעהן, און מ'האט נישט געוואוסט, וואו זיי זענען אהינגעקומען. איצט ווייזט זיך ארויס, אז די דערמאהנטע פוסבאליסטען האבען „עמיגרירט" קיין אמעריקא. זיי זענען אפגעפאהרען מיטוואך מיט דער פוילישער שיף „באטארי".

ראדיא - ווינקעל

פרעסע - קאנפערענץ אין פוילישען ראדיא

צוליב דעם, וואס דאס נייע ווינטער-פראגראם פון ראדיא הויבט זיך אן, איז אין דער געביידע פון פוילישען ראדיא, זשעלנא 2, פארגעקומען א פרעסע-קאנפערענץ מיט'ן אנטייל פון פארשטע-הער פון דער ווארשאווער פרעסע, ליטעראטור און מוזיקאלישער קריטיק.

דער פראגראם-דירעקטאר פון פוילישען ראדיא, ה' פיאטר גורעצקי, האט נאך זיין בעגריסען די פערזאמעלטע זיך אויסגעשמועסט מכח דעם זו-מער-סעזאן און דערביי פארגעשטעלט זיין פלאן און פראגראם אויפ'ן ווינטער-סעזאן. דערנאך האט דער פראגראם-וויצע-דירעקטאר, פרוי האלינא סאס נאווסקא, ארומגערעדט ברייטער די ראהמען פונ'ם ווינטער-פראגראם.

נאך איהר האבען די לייטערס פון די בעזונדע-רע אפטיילונגען ארומגערעדט די ענינים פון מו-זיק, ליטעראטור, פארלעזונגען, אקטואליטעטען און לאקאלע פראגראמען אין די פראווינצער ראדיא-סטאציעס.

אין דער דאזיגער לעבהאפטער דיסקוסיע, וואס איז ארויסגערופען געווארען דורך די רעפעראטען, האט מען אמייסטענס בעריהרט פראגען פון מוזיק פראווינצער פראגראמען א. ד. גל.

ביים שלוס פון דער קאנפערענץ האבען דער דירעקטאר ה' גורעצקי און די לייטערס פון די בעזונדערע אפטיילונגען געגעבען בעלויכטען די בעריהרטע ענינים און געגעבען אויך ברייטערע אויפקלעהרונגען.

שליסענדיג די קאנפערענץ האט דער דיר. ה' גורעצקי געדאנקט די אנוועזענדע פאר זייער אנטייל און אונטערגעשטראכען, אז דער פוילישער ראדיא שטרעבט שטענדיג אנצוהאלטען א ענגען און לעבעדיגען קאנטאקט מיט דער פרעסע און מיט די ליטעראריש-ארטיסטישע קרייזען.

הערבסט - אווענדען ביים ראדיא-אפאראט

ווען עס שטעלען זיך די לאנגע הערבסט-אווענדען, איז דער בעסטער, טייערסטער און האר-ציגסטער פריינד דער — ראדיא-אפאראט. די אווענ-דען ווערען אלץ לענגער און אלץ נויטיגער ווערט דאן דער ראדיא.

די משפחה ראדיא-הערערס וואקסט. זי האלט שוין לאנג ביי העכער א האלב מיליאן. די ראדיא-מכשירים ווערען וואס אמאל בעסער און ביליגער. אויך די בעדינגונגען צו פערשאפען זיך אפארא-טען, די אדער יענע, ווערען אלץ בעקוועמער. דער פוילישער ראדיא קומט יעדען ענטגעגען. דאס ווייזען אויך די עטליכע ראדיא-קאנקורסען, וואס זענען לעצטענס אלץ פארגעקומען.

למשל, דער גרויסער זומערדיגער קאנקורס מיט די טויזענד פרעמיעס, ווערטפולע, אויף וועל-כען עס האבען אפגעגעבענט ק אפע 44 טויזענד מאן; צו דעם קאנקורס פון אביסעל פריהער וועגן דעם 500.000-טען אבאנענט, וואס האט אויך געהאט א גרויסען ערפאלג. פאר יענע, וואס זענען זומער-צייט נאך קיין ראדיא-אבאנענטען נישט געווען, האט מען געשאפען בעקוועמע בעדינגונגען, כדי צו קענען זיך פערשאפען א ראדיא-אפאראט; ווער עס האט זיך נאר ביז'ן 1-טען אויגוסט רעגיס-טרירט אלס ראדיא-אבאנענט און געקויפט אנ'אפא ראט „עכא" אדער „דעטעפאן", האט געקנט אומזיסט הערען ראדיא דעם גאנצען זומער-סעזאן און די ערשטע ראטע איינצאהלען ערשט דעם 2-טען אקטאבער. צוזאמען מיט די מלוכה'שע טעלע-און ראדיא-טעכנישע אנשטאלטען האט מען פערעפענט-ליכט א קאנקורס. וואס איז ערשט נישט לאנג אפגע-געשלאסען געווארען און דעם רעזולטאט דערפון וועט מען שוין וויסען היינטיגען חודש.

די ווארשעווער בעפעלקערונג, ד.ה. יענע, וועל-כע וואוינען אין גרעסערע שטעט, פערמאגען טע-אטערס, קינאס, קאנצערטען, אויף יעדער גאס שטעהט אפילו א צייטונגס-קיאסק אזוי, אז מען קאן שטענדיג וויסען וואס אויף דער וועלט קומט אלץ פאר. אט דאס האט אבער די בעפעלקערונג, וואס פערברענגט איהרע יאהרען אין די ווייטע העק-שטעטלעך, איינגאנצען נישט. דא קומט דער ראדיא, וועלכער איז אפט דער אנזאגער פון א בע-סערן מארגען, פון לעבענס-פרייד, און ער ווערט דאס דער קאנטאקט מיט'ן ארומיגען לעבען, מיט דער קולטור און מיט פערוויילונג.

דעריבער טאקי ווערט דאס פערשטארקט די ראדיא-סטאציעס פון די ווייטע מקומות. דעריבער טרעפט מען דארט אהין דורך פעראיינען און אר-גאניזאציעס, דורך גמינעס און סאלטיסען, דורך די וואס אמאל בעסערע קאנקורסען, וואס וועקען אויף יענעם עולם פון פערשלאפענקייט און ווערען אריינגעצויגען אין לעבען פון דער ברייטער און ווייטער וועלט.

נעהט פארוועטס אין אויסוואהל פון פילמען פון הויכער קלאס! —::— נאך פרעכטיגע סוקצעסען און קאלאסאלער פרעקווענץ, וואס עס האבען דערגרייכט די פילמען: „היינטיגע צייטען" מיט Charlie Chaplin, „ROSE MARIE" מיט Jeannette Mac Donald

קלאנג-קינא
CAPITOL
זאוואדזקא 16

די 3-טע פון דער רייהע גרעסטער שלאגער פון וועלט-עקראן

קליינער לארד „FAUNTLEROY"

Freddie Bartholomew ווי אויך Dolores Costello-Barrymore

פרייזען פון ארע פלעצער אויף אלע סעאנסען פון 54 גר.

אונזער דעוויז: די נידריגסטע פרייזען! די בעסטע פילמען!

Dr. med.
J. GOLDBERG
ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Śródmiejska 20, tel. 186-13.
נעמט אן פון 11—1 און פון 7—8 אוונט

Dr. med.
P. KOTOK
CHOROBY WEWNĘTRZNE
przyjmuje od 5–7 wiecz.
Zeromskiego 44, tel. 114-25
POWRÓCIŁ.

קליינע אנאנסען
1 זלאטי אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער 1 זלאטי

א 6 - צימערדיגע קאמפארטאבעל וואוינונג זאפארט צו פערמיטען נארוטא-וויטשא 44. צו ערפאהרען ביים וועכטער

א געוועלב מיט א וואוינונג אין א רוגאווע לאקאל זאפארט צו פערמיטען, נארוטאוויטשא 44. צו ערפאהרען ביים וועכטער.

פערשידענעס

א סוויטער-מאשין פון 75 צענטי-מעטער, שאפהויזער, פאסט ניי, צו פער-קויפען באלד צו ארבייטען, ווי אויך א האנד-שפולערין ווערט געזוכט. דרעוונאווי-סקא 42, 2. הויף, 2. שטאק, וו. 28.

האט רחמנות! דאנערשטאג ביינאכט יענדיג פון קאנסטאנטינער ביז פולנאצנא איז מיר פערלוירען געווארען א פעקל סוויטערס. דעם עהרליכען פינדער בעט איך רחמנות צו האבען אויף מיר, ווייל דאס איז פרעמדע סחורה און איך בין נאר א טרעגער, און מיטצוטיילען אין וויינבלום, פולנאצנא 24.

א קירושנער-צושניידער זוכט א פאסטען אפערסען אונטער „קירושנער" אין אדמי-ניסטראציע.

Zaginiony został kwit kaucyjny Elektrowni Łódzkiej za № 92345 dn. 17/VII–33 r. na Zł. 20.— na imię el Hertz. Al. I Maja 35.

פרייע פאסטענס

ס'ווערט געזוכט א קוואליפיצירטער ארבייטער צו דאמען-בעטעלט. קילינ-סקיעגא 25, וו. 37.

ס'ווערט געזוכט א שיק-יונגעל ביי מעש, נאוואמיעסקא 4.

נויטיג א קוואליפיצירטע רעפעזירקע אין סוויטער-פאבריק אויף קאשטשעלנא 4

נויטיג א קוואליפיצירטער האנד-נייער צו דאמען-בעטעלט ביי שווארצמאן ליסטאפאדא 11. 16. וו. 6.

לאקאלען

צו פערדינגען וואוינונגען, שטובען מיט קוכען און צוויי שטובען מיט קוכען, אויך א פאבריקס-לאקאל און א שאפע פון זאפארט, שוו. יאקובא 6. צו ערפאהרען ביים ווירט ל. ראטבארד.

צו פערדינגען א לעצט צימער, זעהר בעקוועם, ביי סאלידע מענשען פאר א יונג פאר-פאלק אדער 2 יונגעלייט. פאלודניאווא 11, קרישטאל.

די מאדערנע
טאנץ-שולע
אויף פיעטריקאווער 89
קווער אפיצינע פארטער
אונטער דער לייטונג פון בעקאנטען דיפלאמירטען טאנץ-לעהרער
S. RUBINSZTAJN
נעמט אן איינשרייבונגען פאר אנפענגער טעגליך פון 10 פריה ביז 10 אווענד.
בעמ. פאר אויסגעזוכטע שבת און זונטאג פרעקטישע לעקציעס.
ספעציעלע שטונדען פאר לאנג-געקליידעטע.
מיט אכטונג דיפלאמירטער טאנץ-לעהרער.
ס. רובינשטיין.

בחנם ווערט צוגעפאסט אלערליי גלעזער!

„OPTICUM"
28 פיעטריקאווער 28
בעזיצט אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע ברילען, בינאקלען. אלערליי צילינדער-גלעזער, קאמ-בינירטע גלעזער, טערמאמעטערס, אלעס צו די ביליגסטע פרייזען.
ס'ווערען אויך אויסגעפיהרט רעצעפטען פינקטליך און רעעל. — נעדענקט די אדרעס מען ווערען אנגענומען אלע ארט רעצעפטען פון די ה"ה דאקטוירים.

STARSZY FELCZER
T. OKNO
צוריקגעקעהרט
וואוינט יעצט: נארוטאוויטשא 6,
טעל. 137-03.
נעהמט אן א גאנצען טאג.

וויכטיג פאר דאמען
נאר פאר 2 זל. ווערען איבערגע-מאכט די עלטעסטע
היטען!
אויף גאנץ נייע ווי אויך נייע היטען צו
3.50
„TOLA"
25 Zawadzka 25

לעבער
ווערען אויסגענומען ביליג ביי נ. נארדמאן שרודמיעסקא 8

Dr. med.
Z. DATYNER
אורלאג
ספעצ. פאר נירען בלאז און אורין-קראנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95.
נעמט אן פון 9-11 און פון 6-8 אוונט
צוריקגעקעהרט

DR. MED.
G. GERSZTAJN
ספעציאליסט פאר אויגען-קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
Traugutta 12, tel. 175-10
נעמט אן פון 11–2 און פון 5–8.30 אוו

PRZETARG.

Zarząd Miejski w Łodzi ogłasza publiczny przetarg na przebudowę części istn. 1-o piętr. murow. budynku frontowego oraz na wykonanie parkanu frontow. żelbetonowego na posesji miejskiej przy ul. Wodnej 25.

Oferty pisemne, odpowiadające treści kosztorysu ślepego, należy składać w Zarządzie Miejskim, Plac Wolności Nr. 14, III piętro, w pokoju Nr. 44, do dnia 31.X. 1936 roku do godz. 11 rano, w kopercie należycie zamkniętej i zalakowanej, z napisem (wymienić roboty).

Szczegółowe informacje oraz ślepy kosztorys z warunkami przetargu otrzymać można w Wydziale Technicznym, Plac Wolności 14, II piętro, w pokoju Nr. 25. Otwarcie ofert nastąpi w tym samym dniu o godz. 12 w południe.

Wadium przetargowe zgodnie z przepisami w wysokości 450 zł. należy złożyć w kasie Zarządu Miejskiego, zaś kwit dołączyć do oferty.

Łódź, dnia 23.X. 1936 r.

ZARZĄD MIEJSKI w ŁODZI.

PRZETARG.

Zarząd Miejski w Łodzi ogłasza publiczny przetarg na wykonanie studni publicznej przy ul. Limanowskiego 90.

Oferty pisemne, odpowiadające treści kosztorysu ślepego, należy składać w Zarządzie Miejskim, Plac Wolności Nr. 14, III piętro, w pokoju Nr. 44, do dnia 31/X 1936 roku do godz. 11 rano, w kopercie należycie zamkniętej i zalakowanej, z napisem (wymienić roboty).

Szczegółowe informacje oraz ślepy kosztorys z warunkami przetargu otrzymać można w Wydziale Technicznym, Plac Wolności 14, II piętro, w pokoju Nr. 25. Otwarcie ofert nastąpi w tym samym dniu o godz. 12 w południe.

Wadium przetargowe zgodnie z przepisami w wysokości 250 zł. należy złożyć w kasie Zarządu Miejskiego, zaś kwit dołączyć do oferty.

Łódź, dnia 23 października 1936 r.

Zarząd Miejski w Łodzi.

Zc wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub. Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21. Redaktor odpowiedzialny: Chanon Kaufman